בעזהשי"ת

# קונטרס הסברה

## חלק ב׳

אין דעם קונטרס ווערט מבואר דער חומר האיסור
און סכנה פון זיך צו באַטייליגן אין די
סאַטמאַרער־וויזשניצער חתונה

ברוקלין, ניו יאָרק
שנת תשמ"ה לפ"ק

# קונטרס הסברה



## הקדמה

**אַזוֹי** ווי בקרוב גייט פאַרקומען די סאַטמאַרער־וויזשניצער חתונה — און וואו מיר זעען גייען אָן די הכנות און פראַפּאַגאַנדע מיט אַלע קלאַפּערגעצייג, — סיי סאַטמאַר און סיי וויזשניץ אַרבעטן אויף קעסל און אויף כלים, אַז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן מיט די גרעסטע הצלחה וואָס עס איז נאָר מעגליך, און עס זאָל קומען וואָס אַ גרעסערער עולם אנשים ונשים וטף — מירופּט עס די קעניגליכע חתונה — מינוצט אויס די גאַנצע השפעה עס זאָלן קומען וואָס מער רבנים, דיינים, אדמורי״ם, רביים פון אַלע שיכטן און קרייזן, לקיים מה שנאמר והיינו לעם אחד, ויעשו כולם אגודה אחת.

**און** מיר שטייען און וואונדערן זיך אויף אנשי שלומינו — אונזער הארץ צעגייט פשוט! צי האָט מען שוין פאַרגעסן די אַלע פלאַם פייערדיגע תורות וואָס רבינו הקדוש זי״ע האָט אין אונז אַריינגעפּרעגלט די אַלע יאָרן, ווי ווייט מען דאַרף זיך דערווייטערן פון רשעים, און פון די וואָס זענען מחובר צו רשעים, מיר זענען פשוט דערציטערט מיט וואָס פאַר אַ התלהבות מען גרייט זיך צו צו דער חתונה, די רבנים און דיינים זענען בכלל נישט מזהיר פאַר די וואָס ווען יאָ גיין, אַז זיי זאָלן זייער נזהר זיין נישט געכאַפּט צו ווערן און נישט נתפעל צו ווערן פון די פרומע ציונים און די ציוניסטישע רביס נישט במחשבה און אודאי נישט בדיבור און במעשה.

**וועגן** דעם האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט דעם קליינעם קונטרס הסברה, אויפצוקלערן אנשי שלומינו אַז מען שפּילט זיך דאָ מיט פייער — מענטשן מיינען אַז דאָס איז אַ קינדער שפּיל — יאָ גיין, נישט גיין — יאָ מיטין שטריימל, נישט מיטין שטריימל — יאָ מיטנעמען די קינדער, נישט מיטנעמען די קינדער — זאָל מען וויסן, אַז יעדער איינער וואָס גייט צו די חתונה, יהיי׳ מי שיהיי׳ איז עובר אויף כמה וכמה איסורים חמורים ונוראים. איינער איז עובר אויף אַלע און איינער נאָר אויף אַ פּאָר.

**דאָס** איז זיכער אַז ווער עס קומט אין באַרירונג מיט מענטשן וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט דעות כוזבות פון מינות וכפירה, וועט דאָס האָבן אַן

# קונטרס הסברה



השפעה אויף אים, אויב נישט תיכף, דעמאָלט שפּעטער, אַזוי ווי עס שטייט אין ישמח משה פרשת בלק, מיר וועלן עס מעתיק זיין אינעווייניג — אַזוי ווי די צייט איז קורץ, מיר האָבן זיך געגומען שרייבן זייער שפּעט, מוזן מיר מקצר זיין ווי ווייט מעגליך, מיר וועלן נאָך ווייטער ממשיך זיין מיט קונטרסים און הסברות אויפצואוועקן און אויפצופרישן די פינקען וואָס עס ליגט טיף איינגעבאַקן ביי אונז אין האַרץ, נאָר ברוב הימים ווערט דאָס פאַרגעסן.

**מיר** ווילן זיך באַנוצן מיט די באַקאַנטע ווערטער פון בעל מסילת ישרים, אַז ער קומט דאָ נישט זאָגן נייע זאַכן, ער קומט נאָר דערמאָנען אַלטע באַוואוסטע זאַכן וואָס מיט די צייט ווערט עס פאַרגעסן. מיר ווילן אויך נישט באַשאַפן און פאַבריצירן נייע איסורים, מיר וועלן נאָר איבער'חזר'ן און איבערקייען די אַלטע פלאַמיגע, פייערדיגע, האַרציגע, פאַטערליכע דיבורים וואָס מיר האָבן געהערט טאָג און נאַכט פון אונזער הייליגן פאַסטעך, אונזער געטרייער פאָטער און רבי זי״ע ועכי״ש, אויך וועלן מיר מעתיק זיין פון אַנדערע ספרי קודש דעם חומר הענין פון התחברות לרשעים.

**מיר** וועלן שרייבן אויף אידיש כדי ווייבער און קינדער זאָלן עס אויך פאַרשטיין — מיר זענען זיכער אַז דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, די אַלע הייליגע דיבורים פון די צדיקי אמת וועלן זיכער טאָן זייער פעולה, און עס איז זיכער אַז אַ סך מענטשן וועלן זיכער זיך מונע זיין בכלל פון צו גיין, אָבער אפילו די וואָס וועלן זיך נישט קענען איינהאַלטן מיט פאַרשידענע אויסריידן און תירוצים, וועלן אָבער גיין מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פול מיט ווייטאָג און בושה, דאָס אַליין איז אויך אַ גרויסע דערגרייכונג.

**עס** איז ידוע וואָס דער הייליגער רבי ר׳ זושא זי״ע האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ מלאך וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אידישע עבירות, אַז ער זאָל זיין גאַנץ, איינעם פעלט אַ האַנט, איינעם אַ פוס אָדער אַן אַנדערער אבר, ווייל אַ איד אפילו ער ווערט נכשל מיט אַן עבירה טוט ער עס מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, ממילא איז דער מלאך וואָס ווערט באַשאַפן פון דעם נישט גאַנץ — איז ממילא אפילו מיר זאָלן נישט אויפטאָן מיט דעם קונטרס, נאָר דאָס אַז די מלאכים וואָס וועלן באַשאַפן ווערן פון די עבירות פון התחברות

# קונטרס הסברה



לרשעים ווען נישט זיין גאנץ, האבן מיר אויך שוין א סך אויפגעטאן און די ארבעט איז נישט געווען אומזיינסט.

**מיר** האבן געוואלט גיין מיט א סדר און מברר זיין געהעריג אלע איסורים פון ש״ס ופוסקים און פון ספרי רבה״ק זי״ע און אנדערע ספרי קודש, אבער מיר זעען אז דאס איז איצט אוממעגליך, ווייל די צייט איז קורץ, און מיר ווילן אז דאס קונטרס זאל ארויסקומען באצייטענס, ווען מיר שרייבן אן א סדר, מיר וועלן אפשר שפרינגען פון איין ענין צום צווייטן, מיר וועלן אפשר מקצר זיין במקום שאמרו להאריך אבער פארקערט, און מן הסתם וועלן מיר אויך אויסלאזן פארשידענע וויכטיגע זאכן וואס וואלט יא געדארפט אריינגיין אין דעם קונטרס — אבער מיר האבן נישט קיין ברירה, ווייל דאס ספר ווערט געשריבן אין גרויס איילעניש, אן דעם געהעריגן ישוב הדעת ואתכם הסליחה — מיר האפן אז אין די קומענדיגע קונטרסים וועלן מיר מער מאריך זיין כפי הצורך בעזהי״ת.

**מיר** ווילן מגלה דעת זיין אז מיר ווילן קיינעם נישט מצער זיין אדער שטעכן מיט דעם קונטרס. דאס קונטרס איז נישט קיין פאשקוויל, אזוי ווי מאנכע וועלן עס אוודאי אנרופן — דאס קונטרס איז געמאכט געווארן אויפצואוועקן דעם דעת הקהל קעגן דעם וואס קומט פאר פאר אונזערע אויגן. מען זאל זיך באצייטנס בארעכענען, ווייל אז נישט קען עס זיין א בכי׳ לדורות — וואס קיינער קען נישט פאראויס זען די קאנסעקווענצן וואס עס קען פון דעם ארויסקומען.

**דער** בורא כל העולמים זאל זיך שוין אויף אונז מרחם זיין, און זאל במהרה שיקן דעם גואל צדק והיה ד׳ למלך על כל הארץ בב״א.

# ציונות - אגודה - מועצת גדולי התורה - ווזשניץ

## ציונות

### א.

**יעדער** ווייסט אַז ציונות איז די האַרבסטע **עבודה** זרה וואָס איז געווען זייט די וועלט שטייט — ציונות איז מינות וכפירה וואָס שטייגט איבער אַלע מיני כפירות וואָס איז געווען מיום הוסדה ארץ — דער ציל פון ציונות איז אויסצואוואָרצלען די תורה און די אמונה פון אידן און מאַכן זיי פאַר אַ פאָלק ככל הגוים — דער רבי זי"ע ברענגט אין הייליגן ספר ויואל משה (עמוד שנ"ו) **אַז דער ערשטער רשע ימ"ש, דער גרינדער פון ציונות, שרייבט אין זיין בוך אַז זיין ציל איז אויסצו'שמד'ן דאָס גאַנצע כלל ישראל אַז עס זאָל מער נישט עקזיסטירן דער נאָמען ישראל.**

**ליידער** איז זיי דאָס געלונגען בעוונותינו הרבים. זיי האָבן אויסגע'שמד'ט רוב כלל ישראל. מיליאָנען אידן האָבן זיי געמאַכט פאַר כופרים גמורים. אפילו נאָך איידער זיי האָבן געהאַט אַ מדינה. איבערהויפט נאָך דעם ווי מעשה שטן הצליח און עס איז זיי געלונגען צו ערייכן אַ מדינה, האָבן זיי מיט געוואַלד מיט'ן שבט המושל אויסגע'שמד'ט גאַנצע שבטים פון ערליכע אידן שומרי תורה ומצות און זיי פאַרוואַנדלט פאַר מינים וכופרים. 95 פראָצענט פון די איינוואוינער פון די טמא'נע מדינה זענען כופרים גמורים, פירן זיך אויף ווי גוים גמורים, ווייסן נישט פון קיין תורה, פון קיין אמונה, פון קיין שבת, קיין יום טוב, טהרת המשפחה. די מושלי המדינה זענען גוזר גזירות רעות אויף די דאָרטיגע אידן וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געהערט אפילו צווישן די ערגסטע פעלקער.

**דער** עצם עקזיסטענץ פון אַ מדינה פאַר ביאת המשיח איז אַ מרידה אין די דריי באַקאַנטע שבועות וואָס אויף דעם איז דאָ אַזאַ ביטערער עונש פון אני מתיר את בשרכם. דער באַשעפער האָט געזאָגט איך וועל אייך מפקיר זיין אַזוי ווי די חיות פון פעלד. דער הייליגער רבי זי"ע איז מאריך אין זיין הייליגן ספר ויואל משה אַז **דער ביטערער חורבן פון היטלער ימ"ש וואָס האָט אומגעברענגט זעקס מיליאָן אידן, איז געווען דער עונש, ווייל מען האָט עובר געווען אויף די דריי שבועות,** מיט דעם הייבט דער רבי זי"ע אָן זיין הקדמה — מיר דאַרפן נישט מאריך זיין אין די סכנה פון ציונות, ווייל מיר רעדן דאָ צו אנשי שלומינו תלמידים פון הייליגן רבי'ן זי"ע, וואָס ווייסן דאָס אַלעס, מיר חזר'ן נאָר בקיצור איבער אַלעס ווייל מיר ווילן צוקומען צו דעם וואָס עס געשעט היינט.

# אגודה

## ב.

**די** אגודה איז באַשאַפן געוואָרן צו באַקעמפן ציונות. דער רבי זי"ע שרייבט אין ויואל משה (עמוד קמ"ד), **אַז רוב גדולי ישראל האָבן באַקעמפט די אגודה פון אָנפאַנג פון איר גרינדונג, ווייל זיי האָבן תיכף געוואוסט די אמת'דיגע כוונות פון די מנהיגי האגודה, אַז זייער ציל איז נישט צו באַקעמפן דאָס ציונות, נאָר פונקט פאַרקערט, אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט שפעטער,** עס איז אָבער געווען געציילטע גדולי ישראל וואָס האָבן יאָ געשטיצט די אגודה פון אָנפאַנג, מיינענדיג אַז זיי זענען לוחם מיט ציונות, דאָס איז אָבער געווען ביז דער גרינדונג פון די טמא'נע ציוניסטישע מדינה.

**אַזויווי** אָבער עס איז געגרינדעט געוואָרן די מדינה, האָט זיך די אגודה אינגאַנצן געטוישט איר שיטה, און אָן חרפות און אָן בושות אַריינגעטרעטן אין די רעגירונג, געשיקט צו דער "כנסת" אייגענע דעפּוטאַטן – די מועצת גדולי התורה פון דער אגודה האָבן געפאָדערט און געמאָנט פון זייערע אָנהענגער אַז עס איז אַ "חוב קדוש" צו גיין צו די בחירות, און אַזוי אַרום איז די אגודה געוואָרן אַ חלק פון די ציוניסטישע מדינה, און זיי האָבן ווידערגעשפעניגט אין די מייסדי האגודה – די חברי הכנסת פון די אגודה האָבן אונטערגעשריבן דעם טרויעריג באַרימטן מגילת העצמאות פון די מדינה, וואו עס ווערט נישט דערמאָנט דעם שם שמים. אין יעדעס וואָרט ליגט מינות וכפירה (עיין ויואל משה עמוד קי"א) – די חברי הכנסת פון דער אגודה שווערן יעדעס מאָל אַז זיי וועלן זיין געטריי פאַר די מדינה און אירע געזעצן, און זענען טאַקע מקיים די שבועה הונדערט פּראָצענט, ווייל ווער איז נאָך אַזוי געטריי צו די מדינה ווי די חברי הכנסת פון דער אגודה, מיט זייער טעגליכער צייטונג "המודיע", וואָס טוט ריינוואַשן די ציונים פון אַלע זייערע חטאים.

**דער** רבי זי"ע שרייבט אין ויואל משה (עמוד ז') **אַז די אגודה האָט געדינט ווי אַ בריק אַריבערצופירן ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות צו ציונות – . די אגודה האָט אָנגעטאָן פאַר'ן ציונית אַ לבוש פון קדושה און הצלת הדת, און אַזוי אַרום געמאַכט ערליכע אידן פאַר ציונים – דער רבי זי"ע איז מבאר באריכות אין ויואל משה אַז די אַלע חברי הכנסת זענען עובר בכל רגע ורגע אויף אַ סך איסורים חמורים ונוראים וואָס יעדעס איינע פאַר זיך איז ביהרג ואל יעבור, און זיי זענען**

# קונטרס הסברה



**שותפים ממש צו די גאַנצע העברה על הדת פון די מדינה, ווי אויך די אַלע וואָס גייען צו די בחירות ווערן שותפים אין די אַלע עבירות.**

**פון** אָנפאַנג האָט נאָך געהערשט אַביסל בושה אין די קרייזן פון די אגודה. זיי האָבן זיך געזוכט צו פאַרענטפערן, זיי האָבן געזוכט אַרויסצוקריגן פאַרשידענע הבטחות פון די ראשי הכופרים כאילו זיי וועלן מציל זיין דאָס אידישקייט דורך זייער זיצן אין כנסת, קודם האָבן זיי געקראָגן 43 הבטחות און נאָך דעם 83 הבטחות וואָס קיין איינס פון זיי איז נישט מקוים געוואָרן, אויסער די איינע הבטחה פון באַקומען געלט.

**די** אגודה האָט זיך געקייקלט באָרג אַראָפּ, מדחי אל דחי, היינט צו טאָג דאַרף שוין נישט די אגודה קיין שום הבטחות, אויסער די הבטחה פון געלט און בענקלעך. בושה איז שוין לאַנג געשטאָרבן, מען שעמט זיך שוין מער נישט פאַר גאָרנישט. די אגודה זיצט זיך רואיג אין די רעגירונג אין כנסת המינים און הערן זיך צו דאָרט טאָג טעגליך צו דברי חירוף וגידוף און רעדן אַליין דברי חירוף וגידוף. וויפיל בערג מיט דברי חנופה האָבן זיי צאַמגערעדט אויף די ראשי הכופרים. ווען מיר וואָלטן געהאַט צייט וואָלטן מיר אַביסל מעתיק געווען פון זייערע דברי נאצה ותיעוב, אָבער דאָס איז אַלעס דברים ידועים, מען דאַרף עס נישט איבערקייען יעדעס מאָל.

**בקיצור** ווען נישט די אגודה, וואָלט שוין ציונות געווען לאַנג באַנקראָט, מיר מיינען פרומע ציונות. די אגודה איז ציונות און ציונות איז אגודה, זיי זענען מחפה אויף אַלע זייערע גזירות און פאַרשטיקן דאָס וויי געשריי פונעם וועלט אידנטום קעגן די ביטערע גזירות פון די מדינה, אַזוי אַרום קען די מדינה אָנגיין מיט איר העברה על הדת ביד רמה אומגעשטערט.

## מועצת גדולי התורה

ג.

**די** מועצת גדולי התורה פון די אגודה איז דאָס רוקן-ביין פון די אגודה, אָן זיי וואָלט די אגודה נישט געקענט אָנגיין מיט איר גאַנצן בלאָף, ווייל סוף כל סוף האָט מען דאָך צו טאָן מיט אידן שומרי תורה ומצוות וואָס זוכן אַ דעת תורה, אויף דעם צוועק איז באַשאַפן געוואָרן די מועצת גדולי התורה וואָס זיי זענען רבי"ס מיט גדולים, ממילא אויף

# קונטרס הסברה



זיי איז נישט שייך צו פרעגן קיין קשיות, זיי דארפן נישט מברר זיין גארנישט על פי תורה. די חסידים גייען זיי נאך בלינדערהייט און פאלגן זיי אלעס וואס זיי זאגן. זיי זענען מקיים דעם לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל, אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל מיט'ן גאנצן הארץ, און גייען נאך זייערע רבי'ס בלינדערהייט און טוען אלעס וואס זיי זאגן. די רבי'ס חתמ'ענען אויפ'ן "חוב קדוש" וואס הייסט זיי צו גיין צו די בחירות. זיי גייען מיט א התלהבות — די חברי הכנסת פון דער אגודה זענען שלוחים פון די מועצת גדולי התורה און רעדן אין זייער נאמען — יעדעס מאל ווען עס איז דא עפעס א קשיא אויף די אגודה, ענטפערן זיי, איך האב אן הוראה פון מיין רבי'ן, ממילא דארף מען שוין נישט האבן קיין שום תירוצים, אזוי ארום גייט אן די גאנצע העברה על הדת פון די מדינה אומגעשטערט.

**די** אגודה איז מחפה אויף די ציונים, און די מועצת גדולי התורה איז מחפה אויף די אגודה, קומט אויס אז די גאנצע העברה על הדת און אלע שמד שטיקן און גזירות רעות פון די ציונים, ליגט אויף די פלייצעס פון די מועצת גדולי התורה — ס'איז קיין שום ספק נישט אז זיי האבן דעם דין פון מסיתים ומדיחים, זיי זענען חוטאים ומחטיאים את הרבים כירבעם בן נבט — רבינו הקדוש זי"ע פלעגט אלץ זאגן, אויף די חסידים קען מען נאך אפשר אביסל מלמד זכות זיין, ווייל זיי גייען נאך זייער רבי'ן בלינדערהייט, אבער די רבי'ס וועט מען שמייסן.

**דער** רבי זי"ע פלעגט זיי רופן רעליגיעזע אפיקורסים, זיי מיט זייערע חסידים זענען אנגעשטעקט מיט דעות ואמונות כוזבות פון מינות וכפירה. זיי האלטן אז מען מעג האבן א מדינה פאר ביאת המשיח וואס דאס אליין איז די גרעסטע כפירה און זענען שותפים ממש צו די מדינה און צו זייער גאנצע העברה על הדת.

## וויזשביץ

### ד.

**און** איצט לאמיר צוקומען צו וויזשניץ — וויזשניץ איז דער רוקן-ביין פון די אגודה, און דער רבי זייערער איז פון די ראשים פון מועצת גדולי התורה — וויזשניץ איז דער ערגסטער חלק פון די אגודה, ווייל זיי טוען אן פארן ציונות א לבוש פון דביקות מיט חסידות. דער רבי זי"ע שרייבט אין א מכתב (צ"ו מכתבים ח"א עמוד קכ"ה) **די כשר'ע פון די אגודה זענען מער מסוכן פאר די וועלט, ווייל דאס איז דער דרך פון ס"מ אריינצוכאפן אין**

# קונטרס הסברה

**זיין נעץ ערליכע אידן צו פארבלענדן די וועלט, אַז תמימות'דיגע מענטשן זאָלן נמשך ווערן נאָך זיי** ע"ש.

**בעלז** למשל זוכט נישט אָנצוהאַלטן ידידות און פריינטשאַפט מיט סאַטמאַר אָדער מיט די עדה החרדית, אדרבה זיי האָבן געוואָלט צעברעכן דאָס, זיי האָבן זיך פורש געווען פון די עדה החרדית און געמאַכט שבת פאַר זיך. ווייסט מען אַז מען האָט נישט קיין שייכות מיט זיי און די סכנה איז נישט אַזוי גרויס, מען האָט זיי דן געווען פאַר נעאַלאָגן און מען איז מופרש ומובדל פון זיי. — אָבער וויזשניץ איז אַ סך מער מסוכן פאַר סאַטמאַר, ווייל מען האָט אַ שייכות מיט זיי דורך דעם שידוך און מען זוכט אָנצוהאַלטן דאָס ידידות און התקשרות, ממילא איז די סכנה זייער גרויס אַז מען זאָל חלילה נישט גיין ווייטער — אָבער קודם לאָמיר זען וואָס וויזשניץ איז.

## ה.

**די** בני ברק'ער וויזשניצער זענען די הויפט שטיצער פון בחירות, זיי גייען מיט שמחה און מיט אַ לשם יחוד, זיי האָבן אפילו פאַרפאַסט אַ ספעציעלן ניגון: "הריני מוכן ומזומן לקדש שם שמים". דעם גרעסטן חילול שם שמים האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ קידוש השם — וויזשניץ האָט אונטערגעשריבן דעם חוב קדוש צו די בחירות פונעם ערשטן מאָל אָן עד היום הזה, ווען יעדער זעט שוין קלאָר איין אַז די אגודה ליגט אין שאול תחתית — דער רבי אַליין גייט אויך צו די בחירות מיט רעש און פּאַמפּע און מיט אַ טראַסק — אַמאָל האָט מען זיך נאָך געקענט פּאָפּן און נאַרן, זיי האָבן' אַריינגענאַרט אַ פּאַר גדולים, אָבער היינט ווען דער שקר האָט געפּלאַצט און אפילו אַ בלינדער זעט שוין דעם בלאָף, דאָך האַלטן זיי זיך פעלזן פעסט מיט די מדינה און מאַכן ליצנות און געשפעט פון ערליכע אידן.

## ו.

**וויזשניץ** האָט אַ דעפּוטאַט אַ חבר הכנסת וואָס רעדט אין נאָמען פון וויזשניצער רבי'ן אין בני ברק — ווען שמעלקא האַלפּערט איז אַריין אין דער כנסת המינים האָט ער בפירוש געזאָגט אַז ער גייט מיט די ברכה פון וויזשניצער רבי'ן און וואָס ער וועט אים הייסן וועט ער טאָן — די וויזשניצער חברי הכנסת רעדן דאָרט אין כנסת די נידריגסטע דיבורים — אין ספר "והאמת עד לעצמו" איז געדרוקט די דברי חירוף ותיעוב וואָס דער פריערדיגער וויזשניצער נציג יעקב שלמה גראָס האָט מספיד געווען איינעם פון די הויפּט ציונים, ס'איז אַזעלכע ביליגע דברי חנופה לרשעים אַז עס איז פשוט אָן עקל מעתיק צו זיין, ווי אויך דער לעצטער וויזשניצער נציג, שמעלקא האַלפּערט, פלעגט רעדן דאָרט כסדר

# קונטרס הסברה



דברי תועבה וגיעול נפש — איבערהויפט ביי די לעצטע לבנון מלחמה האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט מיט זיין גאַנצן מערדערישן געשטאַלט. די אגודה האָט מיטגעשטימט מיט די מלחמה, זיי האָבן עס נישט געמוזט שטיצן, ווייל זיי האָבן זיך אַזוי אויסגענומען, אָבער זיי האָבן יאָ געשטיצט, אפילו ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין איינגעזען אַז עס איז געווען אַן אומזינסטיגע מלחמה, האָבן זיי אַלץ געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן און שטיצן דעם רוצח שרון ימ״ש.

**אויף** דעם חבר הכנסת האַלפערט, איז נאָך געלעגן אַ גרעסער אחריות, זייענדיג אַ מיטגליד פון ועדת חוץ ובטחון, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן אין איין דערציילן נסים ונפלאות, און דער וויזשניצער רבי האָט געזאָגט אַז עס איז אַ מלחמת חובה — בקיצור די הענט פונעם וויזשניצער רבי׳ן זענען פאַרשמירט מיט בלוט פון זעקס הונדערט טויטע און אַ פּאָר טויזנט פאַרוואונדעטע (אויסער די הרוגים פון די אַנדערע מלחמות) — אדמו״ר שליט״א האָט דעמאָלט געזאָגט אויף אים און אויף די אַנדערע מועצת גדולי התורה אַז זיי זענען חייב מיתה — און איצט גייט מען טאַנצן אָט מיט די חייבי מיתה — שומו שמים!

**וויזשניץ** האָט אַלץ געשיקט זיינע חסידים צו די מלחמות, אין שנת תשל״ד ביי די יו״כ מלחמה — האָט רבה״ק זי״ע געזאָגט אויף אים און אויף נאָך אַ געוויסן רבי׳ן אַז זיי זענען רוצחים גמורים. וויזשניץ האָט אפילו געטאָן אַ נבלה וואָס קיין שום אַנדערע גרופּע האָט עס נישט געטאָן — זיי האָבן געגרינדעט אין מיליטער אַן אָפּטיילונג פאַר חסידישע אינגעלייט אונטערן נאָמען ״נחל״ — מיט דעם האָבן זיי פאַקטיש געגעבן אַן הכשר צו גיין אין מיליטער, דורך דעם האָט עס גורם געווען און צוגעצויגן אַ סך פרומע יונגעלייט צו די מיליטער רח״ל. די גאַנצע וועלט, אפילו די אגודיסטישע האָבן זיי פאַרדאַמט פאַר דעם.

**נאָך** די זעקס טאָגיקע מלחמה איז דער וויזשניצער רבי געווען איינער פון די הויפּט נסים פאַבריצירער. דעמאָלט ווען דער רבי זי״ע האָט מרעיש עולמות געווען קעגן זיי — דער בערהעמטער רב הרה״צ ר׳ שמעון דאַכנער ז״ל האָט דעמאָלט דערציילט פאַר׳ן רבי׳ן זי״ע אַז ער האָט געזען אַ בריוו וואָס דער וויזשניצער רבי האָט געשיקט פאַר איינעם אַ טאַבאַק, און ער שרייבט דאָרט אַז די נסים פון איצט זענען נאָך גרעסער ווי די נסים פון יציאת מצרים (עפ״ל) — האָט דער רבי זי״ע געשריגן בקולות וברקים: **ער איז אַ כופר בעיקר, איך ווייס נישט וויאַזוי אַ איד וואָס האָט איינמאָל געזאָגט שמע ישראל, וויאַזוי ער קען אַזוי רעדן.** (דער רבי איז דאָס מברר באריכות אין זיין ספר על הגאולה ועל התמורה עמוד ל״ז אַז די ווערטער זענען מינות וכפירה).

# קונטרס הסברה

ז.

**מיט** יאָרן צוריק איז דאָס יהדות החרדית שאַרף אַרויס מיט אַ מלחמה קעגן בעלז, ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן צו נעמען געלט ביי די רעגירונג, מען האָט זיי מחרים און מנדה געווען — איצט פרעגט זיך די פראַגע? ווער באַקומט נאָך אַזויפיל געלט ווי וויזשניץ? זיי נעמען ממש מיליאָנען דאָלאַרן פון די רעגירונג, רוב פון זייער בודזשעט ווערט געדעקט פון די רעגירונג.

**איצט פרעגן מיר אייך רבותי אַ האַרבע קשיא?**

**איר** וועט גיין צו די חתונה און איר וועט מיטנעמען אייער יונגעלע פון 10 יאָר למשל — **והי' כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת?** וואָס וועט איר טאָן ווען אייער יונגעלע וועט אייך פרעגן, וואָס טוט זיך דאָ? **מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?** טאַטע זיסער! קלער מיר אויף, פאַרוואָס איז בעלז טריפה, און וויזשניץ איז כשר? די אַלע עבירות וואָס בעלז טוט, טוט וויזשניץ אויך, און נאָך ביתר שאת ויתר עז, זיי גייען צו די בחירות — זייער רבי שרייבט אונטער דעם חוב קדוש — זיי האָבן אַן אייגענעם חבר הכנסת, צו וואָס בעלז האָט נאָך נישט זוכה געווען — זיי נעמען געלט פון די רעגירונג אַ סך מער ווי בעלז — זיי האָבן אַ טמא׳נעם חינוך עצמאי וואו מען לערנט אַלעס אויף די טמא׳נע שפראַך, עברית — זיי זענען שוין געווען אָפענע ציונים ווען די בעלזער זענען נאָך געווען באַהאַלטענע — זיי חבר׳ן זיך מיט אַלע מינים וכופרים וואָס זענען אָנגעלייגטע געסט ביי אַלע זייערע שמחות — ווען דער שר האוצר שמחה ערליך שר״י איז געווען באַזוכן דעם וויזשניצער רבי׳ן, האָט זיך דער רבי געלאָזט פאָטאָגראַפירן מיט אים — איצט, פאַרוואָס זענען די בעלזער נעאַלאָגן און מיט וויזשניץ לעבט מען פאַניע בראַט? צי נאָר וועגן דעם ווייל די בעלזער זענען אָפענע פיינט, און דאַקעגן די וויזשניצער זענען באַהאַלטענע, זיי זוכן צו לעבן בידידות מיט אונז, אדרבה, פאַר אַזעלכע דאַרף מען זיך מער היטן, אַזוי האָט מען אונז אַלץ געלערנט.

ח.

**יעקב** אבינו ע״ה האָט גענומען זיינע קינדער און צוזאַמען געפּאַקט די פּעקלעך און אַנטלאָפן פון זיין שווער לבן הארמי — האָט אים לבן נאָכגעיאָגט און האָט אים געפרעגט אַ האַרבע קשיא? אמת דו האָסט אַן אַנדערע שיטה! דו ווילסט נישט וואוינען מיט מיר צוזאַמען! אָבער פאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַטש געלאָזט קושן מיינע קינדער און אייניקלעך? איך וואָלט דיך באַגלייט מיט געזאַנג און מוזיק — טאַקע אַ האַרבע קשיא!

**אויף** דעם האָט אים יעקב אבינו געענטפערט ״כי יראתי כי אמרתי פן תגזול

# קונטרס הסברה

**את בנותיך מעמי״** טייטשט רבינו הקדוש זי״ע אזוי: (אין חד״ת תשט״ז) **״כי יראתי״** פאַר דעם קוש האָב איך טאַקע מורא געהאַט **״כי אמרתי פן תגזול את בנותיך מעמי״** טאָמער מיט דעם קוש ווּעסטו צו־גזל'ענען דיינע טעכטער פון מיר, זייערע נשמות ווּעסטו צו־גזל'ענען מיט דיין ידידות, מיט דיין אהבה, איך ברויך נישט דיין כבוד, איך ברויך נישט זאָלסטו מיך באַגלייטן מיט געזאַנג און מוזיק, דאָס איז אַ סכנה פאַר די קינדער.

**פרעגט** זיך די פראַגע? צי דאַרף מען נישט מורא האָבן פאַר'ן קוש פונעם ווויזשניצער? צי איז דאָס נישט מער סכנה ווי די אָפענע שנאה פון בעלז? — טייערע טאַטעס און מאַמעס! טאָמער האַלט איר ביים מיטנעמען אייערע קינדער צו די חתונה, גרייט אייך אָן אַ תירוץ אויף די קשיא! אָבער די סכנה איז אַז די קינדערלעך וועלן נישט פרעגן קיין קשיות פון די טאַטעס, זיי וועלן זיך אַליין פרעגן אין זייערע מחשבות, און אַליין פאַרענטפערן יעדער לויט זיין קינדערישן שכל, און ווער ווייסט צי וואָס פאַראַ מסקנות זיי וועלן צוקומען? מיר וועלן זיך נאָך ווייטער צוריקקערן צו דעם, אָבער לאָמיר קודם צוריקגיין צו ווויזשניץ.

## ט.

**ווויזשניץ** איז אַמאָל געווען אַ סך מער רעכט געשטימט, זיי האָבן געהאַט אַ מיידל סקול וואו מען האָט געלערנט אויף אידיש נישט עברית, ווויזשניץ האָט אַמאָל פאַרמאָגט אַ מחנה פון טייערע ערליכע אינגעלייט ת״ח וחסידים ואנשי מעשה, יראים ושלמים, וואָס איז אַ זעלטנהייט אין היינטיגן דור. די דאָזיגע יונגעלייט האָבן אויפגעהאַלטן די מיידל שולע אויף אידיש מיט מסירת נפש, און אויך אין אַנדערע ענינים האָבן זיי געוואָלט זיך פירן בדרך ישראל סבא, אַזוי ווי די אַמאָליגע ווויזשניץ — מען האָט די דאָזיגע יונגעלייט גע'רודפ'ט בכל מיני רדיפות, געשלאָגן און טעראָריזירט און צוגענומען זייערע פרנסות ביז מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן בכל מיני אכזריות. די מעשה האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע אידישע וועלט, און וועט פאַרשריבן ווערן לחרפות ולדראון עולם לבית ווויזשניץ — דאָס אַלעס איז געווען די אַרבעט פון די ווויזשניצער רביצין וואָס איז אַ באַקאַנטע פאַרדאַרבענע און אַ שטודירטע, זי האָט נאָך אַלס מיידל אין דעש געקענט זעקס שפּראַכן — דעמאָלט נאָך ״גירוש ווויזשניץ״ איז געגרינדעט געוואָרן אין ווויזשניץ אַ בית יעקב חינוך עצמאי, וואו מען לערנט געהעריג די טמא'נע שפּראַך, רוב פון די היינטיגע מיידלעך קענען שוין בכלל נישט קיין אידיש — די ווויזשניצער רביצין האָט נאָך געשיקט אירע טעכטער (וואָס איינע פון זיי איז סאַשע) אויף תל אביב לערנען עברית, נאָך איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן דער בית יעקב, דאָס איז בקיצור אַ בילד פון ווויזשניץ, מיר קענען מער נישט מאריך זיין ווייל די צייט איז קורץ.

# קונטרס הסברה



## ווישניצער רבי

**י.**

**היוצא** לנו מכל זה, אַז דער ווישניצער רבי איז אַ מסית ומדיח אַ חוטא ומחטיא את הרבים, און ער מיט זיין עדה זענען אָנגעשטעקט מיט מינות וכפירה און זענען פון די וואָס אויף זיי זאָגט דער פסוק הלא משנאיך ד' אשנא ובתקוממיך אתקוטט תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי — רבינו הקדוש זי"ע האָט אים אַרויסגעוויזן אַ שנאה ביי יעדע געלעגענהייט, ס'איז באַקאַנט אַז איידער דער רבי האָט אַרויסגעגעבן דעם ספר ויואל משה פלעגט ער נאָך אַמאָל גיין באַזוכן די אגודיסטישע רבי"ס און איינ'טענה'ן מיט זיי ווענגן די שיטה, ער האָט אַלץ געקלערט, אפשר וועט ער נאָך קענען ביי זיי פועל'ן זיי זאָלן תשובה טאָן, אָבער נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבן דעם הייליגן ספר "ויואל משה", ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל שנת תשכ"ה, איז ער שוין צו קיינעם נישט געגאַנגען, ער האָט געזאָגט, הי' להם ללמוד ולא למדו, איך האָב מברר געווען די הלכה און זיי מאַכן זיך נישט וויסנדיג, גיי איך נישט צו קיינעם.

**מיר** ווענלן דאָ דערציילן עטליכע באַקאַנטע מעשיות ווי אַזוי דער רבי זי"ע האָט אַרויסגעוויזן אַן אָפענע שנאה צום ווישניצער.

**יא.**

**איינמאָל** איז דער ווישניצער רבי געקומען צום רבי'ן זי"ע, האָט אים דער רבי זי"ע געפרעגט מיט וואָס זענט איר געקומען, האָט ער געענטפערט מיט אַ "דזשעט" (אַן עראָפּלאַן) — פרעגט דער רבי וואָס? אַ שד! האָט ער געענטפערט, אַז אויב ס'איז דאָ אַ "יוד" אין וואָרט "שד" ווערט עס אַ שם — האָט דער רבי זי"ע געזאָגט, ס'איז פאַראַן אַמאָל אַז אַ "יוד" אַליין איז אַ "שד" — פון די מעשה זעט מען ווי ווייט דער רבי האָט אַרויסגעוויזן אַ שנאה פאַר אים.

**יב.**

**דער** זשיבויער רב ז"ל האָט דערציילט, איינמאָל איז ער געזעסן ביים רבי'ן זי"ע, דער רבי האָט געפּייערט קעגן ציונים, אינמיטן איז אַנגעקומען דער ווישניצער רבי אויף אַ באַזוך, און דער רבי האָט ווייטער ממשיך געווען צו פייערן אויף ציונים. רופט זיך דער ווישניצער: קען מען דען פרעגן אַ קשיא אויף אפיקורסים, האָט זיך דער רבי אָנגעבייזערט אויף אים, נישט אויף די אפיקורסים האָב איך אַ קשיא נאָר אויף אייך. ווען ער איז אַוועק

# קונטרס הסברה



האָט דער רבי געזאָגט פאַר׳ן זשיבויער רב, איך האָב אים געוואָלט ווייזן אַז איך האָב אים פיינט.

יג.

**אין** שנת תשל״ב, ווען עס איז געווען אַ גרויסע סכנה וועגן די גזירה פון גיוס בנות און שירות לאומי, די גאַנצע אידישע וועלט האָט געשטורעמט מיט פּראָטעסטן, דעמאָלט איז ער איינמאָל געקומען צום רבי׳ן זי״ע. פרעגט אים דער רבי וואָס הערט זיך וועגן גיוס בנות, האָט ער געענטפערט איך לייען נישט קיין צייטונגען, עס האָט דעם רבי׳ן זייער פאַרדראָסן, אַ מענטש זאָל ענטפערן מיט אַזאַ חוצפה, דאָרט וואו די אגודה טראָגט דעם גאַנצן אחריות אויף אַלע גזירות רעות. ענטפערט ער נאָך מיט אַזאַ ביטול און לצנות. שפּעטער ווען ער איז אַרויס האָט מען געוואָלט אַביסל באַרואיגן דעם רבי׳ן, האָט אים דער גבאי געזאָגט ער איז אַ טיפש, האָט זיך דער רבי צעפּלאַמט, אַ טיפש איז ער? אַ מחוצף איז ער!

יד.

**אין** שנת תשל״ו האָט די רעגירונג געוואָלט אָנהויבן צו טיילן געלטער פאַר די ישיבות, האָט רבינו הקדוש זי״ע געשיקט אַ דעלעגאַציע צו אים פון דריי זקני הרבנים הגה״צ מפּאפּא ז״ל, און להבחל״ח הגה״צ משאַרמאַש שליט״א און הגה״צ מוואָרדסלאָב שליט״א, זיי זאָלן זיך בעטן ברחמים ביי אים ער זאָל למען השם נישט נעמען, ווייל דורך דעם ווערט מען משוחד און מען פאַרקויפט זיך אינגאַנצן פאַר די ציונים. האָט דער וויזשניצער רבי זיי געענטפערט מיט ליצנות און חוצפה: ״איך זע נישט מ׳זאָל ווערן משוחד, איך האָב פיינע אינגעלייט, פיינע בחורים״. האָט דער וואָרדסלאָבער רב געענטפערט, אַז שוחד מאַכט אַזוי בלינד אַז מען זעט דאָס אַליין אויך נישט אַז מען איז משוחד.

**פון** דאָ קען מען קלאָר זען די חוצפה און העזה וואָס ליגט אין אָט דעם וויזשניצער רבי׳ן. דער הייליגער סאַטמאַרער רב, דער רבן של ישראל, שיקט אים אַ דעלעגאַציע פון גדולי הרבנים, ענטפערט מען מיט אַזאַ שפּאָט און ביטול?

טו.

**עס** איז באַקאַנט ווען דער הייליגער רבי זי״ע איז איינמאָל געווען אין ירושלים, האָט דער וויזשניצער גע׳אסר׳ט זיינע בחורים צו גיין נעמען שלו׳ — איין בחור האָט פונקט געמוזט פאָרן אויף ירושלים וועגן אַן ענין, האָט אים דער וויזשניצער געזאָגט, ער זאָל פאָרן אַן אַנדערס מאָל, כדי ער זאָל ח״ו נישט נכשל ווערן אין נעמען שלום פון רבי׳ן זי״ע. אַזאַ שנאה האָט ער געהאַט צום רבי׳ן זי״ע.

# קונטרס הסברה

### טז.

**עס** איז אויך באַקאַנט אַז איינמאָל איז דער וויזשניצער געווען אויף אַ באַזוך ביי הרה"צ ר' איציקל פשעוואָרסקער זצ"ל אין אַנטווערפּן. האָט ר' איציקל געזאָגט: איך האָב געהערט פון הייליגן צעשינעבער רב, ער האָט געטייטשט דעם פסוק "אש תמיד", אַ שטענדיגער פייער, "תוקד על המזבח", ברענט אויפ'ן האַרץ, אפילו מען האָט געטאָן די גראָבסטע עבירה קען מען אויך תשובה טאָן — און ר' איציקל זצ"ל האָט דאָס איבערגע'חזר'ט אַ פּאָר מאָל. דאָס איז געווען די גאַנצע קבלת פנים. דער וויזשניצער איז אַרויס אבל וחפוי ראש, גאַנץ אַנטווערפּן האָט גערוישט מיט די דאָזיגע מעשה.

**פון** דעם אַלעם זעט מען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ רבי'ן וואָס איז בלי ספק פון די סט"א, און איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט צו פאַרפירן אידן, אַזוי ווי מיר וועלן מעתיק זיין סוף ספר וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אויפ'ן היינטיגע רבי'ס.

## סאַטמאַר

### יז.

**סאַטמאַר** איז געבויט אויף פעסטע יסודות פון התבדלות מרשעים — דער נאָמען סאַטמאַר מיינט גאָרנישט, פונקט אַזוי ווי דער נאָמען בעלז און וויזשניץ מיינט גאָרנישט, דאָס זענען אַלע נעמען פון אונגאַרישע און פוילישע שטעט וואָס זענען געגעבן געוואָרן דורך גוים — נישט מער נאָר אין די דאָזיגע שטעט האָבן געוואוינט הייליגע צדיקים קדושי עליונים וואָס זענען דאָרט געווען רבנים, דורך דעם זענען די נעמען פאַרהייליגט געוואָרן — אָבער וויבאַלד בעלז און וויזשניץ האָבן געביטן די שיטה פון זייערע אַמאָליגע רבי'ס און זענען געוואָרן ציונים, זענען די נעמען גאָרנישט ווערט, און עס איז אויס בעלז און אויס וויזשניץ.

**אַנגעהויבן** האָט עס זיך מיט קליינינקייטן, מען האָט אָנגעהויבן נאָכצולאָזן כחוט השערה, מען האָט געזוכט פשרות, מען האָט געזאָגט דאָס איז גאָרנישט און דעס איז גאָרנישט — איז אָבער די מעשה, ווי די גמרא זאָגט, כך דרכו של יצה"ר, היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד שאומר לו לך עבוד ע"ז — בעלז און ווישניץ און אַנדערע כיתות האָבן זיך מתחבר געווען צו רשעים מינים וכופרים, ביז זיי זענען געוואָרן שותפים ממש צו אַלע זייערע תועבות וזימות. זיי האָבן זיך דערקייקלט עד לעפר ממש.

## יח.

**אונזער** הייליגער רבי זי"ע האָט אין אונז אַריינגעפלאַנצט די הייליגע שיטה פון התבדלות מרשעים, מיר זאָלן זיין איזאָלירט פון די וועלט, מיר זאָלן נישט געפעלן פאַר די וועלט, און דער עיקר העיקרים וואָס ער האָט שטענדיג געמאָנט און געפאָדערט פון אונז: אַז פונקט אַזוי ווי מען טאָר נישט האָבן קיין שייכות מיט די רשעים אַליין, דאָס זעלבע טאָר מען נישט האָבן קיין שייכות און קיין מגע ומתן אפילו מיט שומרי תו"מ וואָס זענען זיך מתחבר צו רשעים און כופרים, ווי למשל בעלז, וויזשניץ און אַנדערע כיתות פון אגודה וכיוצא בהן.

**די** אַלע דינים והרחקות וואָס גייען אָן ביי די רשעים אַליין, גייען אָן ביי די מתחברים אל הרשעים, אין סוף פון קונטרס זענען מיר מעתיק פון דעם הייליגן ספר "גחלי אש" (וואָס איז אַ ליקוט נפלא פון אַלע פייערדיגע דיבורים פון רבה"ק זי"ע). דעם גאַנצן מאמר **"התבדלות מהמתחברים אל הרשעים"**, וואָס דאָרט קענט איר זען קלאָר אַז זיין עיקר מורא און ציטער וואָס ער האָט אַזוי געציטערט און זיך געפּאַרכטן מען זאָל נישט נכשל ווערן אין התחברות, איז נישט געווען אַזוי ווייט אויף ציונים אַליין, מיט זיי האָבן מיר נישט קיין גרויסן שייכות, נאָר ער האָט אונז שטענדיג געוואָרנט אַז מיר זאָלן זיך נישט אָנקערן און נישט האָבן קיין שום שייכות אפילו מיט די חסידישע אגודיסטישע קרייזן, די פרומע ציונים, אָבער ווי אַזוי ער פלעגט זיי צו רופן, די רעליגיעזע אפיקורסים, וואָס גייען צו די בחירות, און שיקן זייערע פאַרטרעטער אין מלכות המינות, און דערציילן פון זיי נסים, פון זיי דאַרף מען זיך דערווייטערן נאָך מער ווי פון די רשעים אַליין, ווייל זיי זענען אָנגעשטעקט מיט דעות נפסדות פון מינות וכפירה און שאני מינות דמשכי, מען קען ח"ו נמשך ווערן און נתפעל ווערן פון זיי, און מינות איז פוגם אפילו במחשבה, אַזוי ווי מיר וועלן שפּעטער מעתיק זיין דברים נלהבים פון רבינו הקדוש זי"ע.

**דער** רבי זי"ע פלעגט טייטשן, וואָס רש"י הק' זאָגט אין פרשת דברים, אַז יעקב אבינו האָט געזאָגט מוסר פאַר זיין זון ראובן, שלא תלך ותדבק בעשו אחי, זאָלסט דיך נישט גיין באַהעפטן צו מיין ברודער עשו, איז דאָך די קשיא? — קען מען דען קלערן אַז דער הייליגער ראובן, דער ערשטער פון די שבטי קה, וועט זיך באַהעפטן צו עשו'ן! נאָר דער פשט איז אַזוי, יעקב אבינו האָט געזאָגט פאַר ראובן **אַז טאָמער דו וועסט נאָכלאָזן אַ קליין ביסל פון מיין דרך, דו וועסט דיך אָוועקרירן אַ זיז כל שהו פון דרך ישראל סבא, מיט דעם אַליין ביסטו שוין באַהאָפטן צו עשו'ן, אפילו דו אַליין ווייסט נאָך נישט דערפון, אָבער דער סוף וועט זיין אַז דו וועסט אָנקומען**

**צוביסלעך צו עשו, ווייל דער עיקר דארף מען אכטונג געבן אויפ'ן ערשטן טריט** (חד"ת ויחי תשט"ז).

# און איצט איז אַזוי מורי ורבותי

## יט.

**איך** מיין אז סאַטמאַר האָט נאָך ביז היינט נישט געהאַט אמת'דיגע נסיונות אין עניני ציונות — מיר האָבן נישט קיין שייכות מיט די ציונים, מיר האָבן נישט קיין שייכות מיט בעלז, ליובאַוויטש, גער און אַנדערע כיתות למיניהם בשמותם.

**מיר** האָבן געהאַט אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע, ער האָט אין אונז אַריינגעפּרעגלט אַ שנאה כבושה צו די אַלע כתות. טאָג און נאַכט פלעגט ער שרייען און וויינען און איינרייסן וועלטן אַז מען זאָל ח"ו נישט נמשך ווערן נאָך זיי און נישט נתפעל ווערן פון זייערע רבי"ס און מנהיגים, ווייל זיי זענען אַלע שלוחים פון ס"מ צו פאַרפירן אידן. ער פלעגט אַלץ נאָכזאָגן פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע **אז מען זאָל נישט מיינען אז דתן ואבירם זענען געווען פשוט'ע אידן! נאָר זיי זענען געגאַנגען מיט בגדים לבנים — זיי זענען געווען רבי"ס, ווען נישט וואָלטן זיי נישט געקענט פאַרפירן אַזאַ דור דעה** עכדה"ק.

**אָבער** ליידער, דאָס גרויסע אומגליק האָט פּאַסירט, נצחו אראלים את המצוקים, אונזער הייליגער פּאַסטוך איז נתבקש געוואָרן לישיבה של מעלה — שוין פינף יאָר וואָס מיר הערן שוין נישט קיין פלאַם פייערדיגע דיבורים, זה חמש שנים אשר אין חריש וקציר, און אַז מען הערט נישט פאַרגעסט מען — ער האָט אונז אָבער איבערגעלאָזט אַ הייליגע ירושה — זיינע הייליגע ספרים — דאָרט שטייט אַלעס — ווי לאַנג מיר וועלן זיך האַלטן פעסט און פעלזן אין זיינע הייליגע ספרים ויואל משה, על הגאולה ועל התמורה, דברי יואל וכו', און נישט אָפּטרעטן פון זיי אפילו איין ריר, האָפן מיר צום הייליגן באַשעפער אַז מיר וועלן זיך קענען דערהאַלטן ביי די הייליגע אמונה ביז משיח וועט קומען בקרוב.

**אָבער** טאָמער מיר וועלן ח"ו נאָכלאָזן אפילו נאָר אַ משהו פון זיין הייליגן דרך, מיר וועלן אָנהייבן צו זוכן פשרות — דאָס הייסט יאָ התחברות, און דאָס נישט — דאָס מעג מען יאָ, און דאָס טאָר מען נישט — דעמאָלט האָבן מיר נישט קיין שום גאַראַנטי אַז סאַטמאַר וועט בלייבן סאַטמאַר, און עס וועט נישט פּאַסירן מיט אונז דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט בעלז, וויזשניץ, ליובאַוויטש, גער וכו'.

## כ.

— **עס** איז אַ גרויסער טעות צו מיינען אַז דער בעל דבר האָט פאַרגעסן פון סאַטמאַר און ער פאַרלייגט זיך נאָר אויף אַנדערע חסידישע גרופעס — דער אמת איז פונקט פאַרקערט, ער זוכט זיך דוקא צו פאַרלייגן אויף די פרומסטע אידן, אויף דעם שארית הפליטה וואָס זענען ריין און טריי צו די אמונה שלימה, אַז זיי וויל ער מכשיל זיין באַהאַלטערנערהייט מיט ציונות, ווייל דורך זיי דערגרייכט ער אַ סך מער. דאָס רוב כלל ישראל האָט ער שוין ליידער אין זיינע הענט, כמעט אַלע רבנים, רבי'ס, אדמורי"ם, שטופן שוין זיין וואָגן — אין הייליגע חסידישע עדה האָט ער נאָך נישט אַריינגעכאַפּט אין זיין זאַק, דאָס איז די הייליגע סאַטמאַרער עדה, וכל הנלוים אליהם, אין זכות פון אונזער הייליגן רועה נאמן זי"ע.

**כ'האָב** געהערט דערציילן אַז איינמאָל האָט מען דערציילט פאַר'ן רבי'ן זי"ע אַז עס איז געשטאַנען אין איינע פון די ציוניסטישע בלעטער אַז בן גוריון ימ"ש האָט זיך באַרימט אַז ער האָט שוין אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ אַלע רבי'ס, אויסער דעם סאַטמאַרער רבי'ן, און ער האָפט אַז אים וועט ער אויך בקרוב אַריינכאַפּן — אַזוי ווי דער רבי האָט דאָס געהערט, איז ער געוואָרן דערציטערט, ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרומגעגאַנגען אין שטוב זייער צעקאָכט אַרויף און אַראָפּ. נאָך דעם האָט ער זיך אָנגערופן בזה הלשון: און איך האָף צום הייליגן באַשעפער בזכות אבותי הקדושים, אַז מיך וועט ער נישט אַריינכאַפּן.

**פון** דעם זעט מען ווי ווייט דער רבי זי"ע האָט געציטערט, אַז ער זאָל נישט געכאַפּט ווערן — אַלע צדיקים און אויך דער רבי זי"ע האָבן אונז פאָראויס געזאָגט, פון די גרויסע נסיונות וואָס וועלן זיין פאַר ביאת המשיח אין עניני אמונה, אַזוי ווי מיר האָבן ווייטער מעתיק צו זיין אַ טייל פון זייערע ווערטער.

## כא.

**ממילא** דאַרף מען צו וויסן קלאָר און דייטליך — ביז ווי לאַנג מיר וועלן נישט איינברעכן די אייזערנע מחיצה, וואָס רבינו הקדוש זי"ע האָט אויפגעשטעלט צווישן אונז און די פרומע חסידישע ציונים — מיר וועלן נישט האָבן קיין שום שייכות, און קיין מגע ומתן מיט זיי — מיר וועלן נישט גיין צו זייערע שמחות און זיי וועלן נישט קומען צו אונזערע שמחות — ווי לאַנג מיר וועלן זיי פיינט האָבן און מיר וועלן זיך קריגן מיט זיי, אַזוי ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט, הלא משנאיך ד' אשנא ובתקוממיך אתקוטט לאויבים

# קונטרס הסברה



היו לי — מיר ווען זיך האלטן טריי צו דעם וואס מ'האט אונז תמיד געלערנט אז מנאצי ד' דארף מען פיינט האבן — אזוי לאנג קענען מיר האפן צום באשעפער אין זכות פון זיין הבטחה "כי לא תשכח מפי זרעו", אז מיר וועלן קענעןביישטיין אלע שווערע נסיונות וואס זענען פאראויס געזאגט געווארן אויף דעם נידריגן דור פון עקבתא דמשיחא.

**אבער** אז מען צעברעכט דעם אייזערנעם פארהאנג וואס שיידט אפ צווישן אונז און די שונאי ד', און מען גייט טאנצן צוזאמען מיט פרומע ציונים, און זיי אפגעבן כבוד, און הערן אויף זיי שבחים, מען הייבט אן מלמד זכות צו זיין אויף מסיתים ומדיחים — איז די סכנה זייער גרויס אז מען זאל נישט גיין ח"ו מדחי אל דחי — אזוי ווי עס האט פאסירט מיט אנדערע חסידישע גרופעס.

**כב.**

**און** איצט לאמיר צוקומען צום ענין — אין די נאכט פון אור ליום ד' י"א כסלו תשמ"ה, לאדענט מען איין דעם גאנצן סאטמארער ציבור אנשים נשים וטף, זיי זאלן זיך צוזאמענקומען אונטער איין דאך, לאכול ולשתות ולשמוח, מיט אידן וואס זענען אנגעשטעקט מיט מינות וכפירה — מיט אידן וואס לאכן אפ פון אונזער שיטה — מיט אידן וואס זענען אונזערע שונאים — מיר זעען אין דעם א גרויסע סכנה פאר סאטמאר בכלל און פאר יעדן יחיד בפרט — עס און טאנצן צוזאמען ברענגט קירוב לבבות בלי ספק — און עס עפענט אויף א ברייטע טיר צווישן סאטמאר און וויזשניץ — עס צעברעכט די מחיצה המבדלת וואס האט אפגעשיידט צווישן סאטמאר און ציוניזם — און אויב מיר וועלן איצט נישט ארויסקומען מיט א ווי געשריי, קען עס ח"ו זיין א בכי' לדורות.

**כג.**

**דער** הייליגער רבי זי"ע פלעגט אלץ זאגן, אז ציונות איז דער קענסער פון דור, ווייל פונקט אזוי ווי די מחלה הידועה האט נישט קיין רפואה ח"ו, דאס זעלבע איז מיט ציונות, דאס האט אויך נישט קיין רפואה, ווייל ציונות איז מינות און מינות איז כל באיה לא ישובון.

**ווילן** מיר אייך פרעגן רבותי? ווען ח"ו עס כאפט זיך איינעם אריין א משהו פון די מחלה הידועה, איז דען דא דער גרעסטער דאקטער אויף דער וועלט וואס זאל זאגן אז ס'איז גארנישט, עס וועט זיך נישט פארשפרייטן, מען דארף גארנישט מורא האבן, מען וועט דאך אזא דאקטער אנקוקן ווי משוגע! די איינציגסטע עצה איז דאך נאר צו פארניכטן די באצילן באצייטנס איידער עס צעשפרייט זיך.

# קונטרס הסברה



**איצט** פרעגט זיך, פאַרוואָס דאָ האָט מען גאָרנישט אַזוי מורא אַז עס וועט זיך אַריינכאַפּן באַצילן פון ציונות ח"ו ביי אונזער ציבור און עס וועט זיך ח"ו פאַרשפּרייטן מער און מער. ווי קען מען מפקיר זיין די ריינע נשמה'לעך פון אונזערע קינדער, וואָס ווייסן נעבעך נישט וואָס דאָ טוט זיך.

**רבותי** נעמט נישט די זאַך פאַר גרינג, טראַכט אייך גוט אַריין איידער איר באַשליסט צו גיין צו די חתונה, קוקט גוט דורך דאָס קונטרס וואָס איז געשריבן מיט בלוט און טרערן, וועט איר אַליין זען אַז דאָס גיין צו די חתונה איז פאַרבינדן מיט האַרבע איסורים. מיר האָבן נישט קיין צייט מאריך צו זיין ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, אָבער אין דעם ביסל וואָס מיר לייגן אייך פאַר איז דאָ גענוג און נאָך, אַלעס איז מיוסד אויף די רייד פון רבינו הקדוש זי"ע און אַנדערע ספרי קודש, און ווער עס וויל הערן דעם אמת וועט זיכער מקבל זיין האמת ממי שאמרו — אודאי קען מען טרעפן תירוצים אויף אַלעם, אָבער התחברות לרשעים איז צו אַ האָקל ענין מען זאָל זוכן קולות, ביי דעם דאַרף מען זוכן אַלע חומרות וואָס איז מעגליך, אַזוי ווי איר וועט זען פון די אַלע העתקות וואָס מיר וועלן מעתיק זיין — און איצט וועלן מיר אָנהייבן אויסרעכענען די איסורים.

## התחברות לרשעים
## הרחק מעליה דרכך, זו מינות

**כד.**

**יעדער** איינער ווייסט דעם גרויסן איסור פון התחברות לרשעים, איבערהויפּט דאָ האָט מען דאָך צו טאָן מיט מענטשן וואָס זענען אָנגעשטעקט און אָנגעזאָפּט מיט מינות ודעות כוזבות פון מינות וכפירה, מ'האָט דאָך דאָ צו טאָן מיט מענטשן וואָס זענען שותפים ממש צו די טמא'נע מדינה הציונות, און האַלטן אויף די גאולה שלימה — ביי מינות שטייט הרחק מעליה דרכיך זו מינות. מען דאַרף זיך דערווייטערן בכל מיני הרחקות פון אַ חשש דחשש פון וואו מען קען ח"ו נמשך צו ווערן צו אַ מחשבה פון מינות.

**נו!** אַז מען גייט צו די חתונה, מען עסט און מען טרינקט צוזאַמען און מען טאַנצט צוזאַמען, און מען הערט שבחים אויף מסיתים ומדיחים, ווי איז פאַרהאַן אַ גרעסערע התחברות. דאָס ברענגט בלי ספק קירוב לבבות.

# קונטרס הסבריה

**וועער** קען נעמען אויף זיך דאָס אחריות אַהין צו שלעפּן גאַנץ סאַטמאַר, טויזנטער פּשוט'ע אידן מיט ווייבער און קינדער וואָס ווייסן נישט בין ימינם לשמאלם דאָס האַרבקייט פון התחברות, און וועער קען מעיד זיין אַז קיינער וועט נישט נמשך ווערן און נתפּעל ווערן פון זיי בדיבור ובמעשה אָדער עכ"פ במחשבה, מינות איז דאָך אַ זאַך וואָס איז פוגם אפילו במחשבה.

**עס** איז ידוע די הייליגע רייד פון ישמח משה פ' בלק: **אויב מ'קומט אין באַרירונג מיט אַ רשע אפילו נאָר אויף אַ שטיקל צייט, גייט עס אַריין אין נפש אַזוי ווי אַ גיפט, אפילו עס דערקענט זיך נישט תיכף, קריכט עס אַפיר שפּעטער**, נו! וועער איז אַזוי זיכער ביי זיך אַז מיט אים וועט דאָס נישט געשען? און אפילו לאָמיר זאָגן איר זענט זיכער ביי אייך אַז איר וועט נישט נכשל ווערן, אָבער ווי קענט איר מפקיר זיין אייער ווייב און קינדער? אפשר וועט עס פאַר זיי יאָ שאָטן?

## כה.

**עס** האָט מיך געפרעגט איינער פאַרוואָס טאָר מען נישט גיין צו די חתונה? האָב איך אים געענטפערט, ווייל אפשר וועט אייער זון ווערן אַ חבר הכנסת! האָט מיך יענער אָנגעקוקט ווי משוגע! האָב איך אים מסביר געווען וואָס איך מיין — איר וועט מיטנעמען אייער אינגעלע פון 10 יאָר, ער וועט זיך מיטנעמען אַ קאָקער, און וועט גוט אָנקוקן דעם אויבנאָן, ער וועט זען פון איין זייט זיצט דער סאַטמאַרער רבי שליט"א און פון די אַנדערע זייט זיצט דער ציוניסטישער רבי דער וויזשניצער, ער וועט זען אַז ביידע זעען אייניג אויס, ביידע גייען מיט רבישע בגדים, דער וויזשניצער רבי איז אַ באַקאַנטער בלאָפער, ער מאַכט תנועות מיט די הענט און מיט די פיס, אפשר וועלן אים געפעלן בעסער די תנועות פונעם וויזשניצער רבי'ן, ער וועט קיינעם גאָרנישט זאָגן, אָבער עס וועט טיף איינגעקריצט ווערן אין זיין מוח אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס טויג נישט מיט'ן וויזשניצער.

**חלילה** וחס, דאָס קען גורם זיין אַז מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער ווען ער וועט זיין אַ בחור, וועט אים אויסקומען צו פאָרן אויף אַ וויזיט אויף ארץ ישראל, און עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן צו לערנען אין וויזשניץ, ווייל ער האָט דאָך געזען ביי די חתונה אַז זיי זעען אויס פונקט ווי אונז, זיי גייען מיט שטריימל און בעקישע און ווייסע זאָקן, זינגען און טאַנצן מיט דביקות און התלהבות, איז וואָס איז דער פעלער מיט זיי? דאָס אַז זיי זענען אָנגעשטעקט מיט מינות וכפירה און דעות כוזבות דאָס זעט נישט אַ קינד, איבערהויפּט אַז איר האָט אים גאָרנישט געזאָגט, און ער וועט לערנען אַ פּאָר יאָר אין וויזשניץ און וועט ווערן אָנגעשטעקט מיט זייערע דעות כוזבות, און נאָך דעם וועט ער חתונה האָבן מיט אַ

ווזשניצער מיידל וואס איז אויפגעוואקסן אין טריפה׳נעם חינוך עצמאי און וועט אנהויבן צו גיין צו די בחירות און אזוי וועט ער שטייגן מדרגא לדרגא ביז אזש, ער וועט אין א שיינעם טאג ווערן א חבר הכנסת!!

**עס** קוקט טאקע אויס מאדנע! אבער ווער איז דער מענטש וואס קען געבן די גאראנטי אז דאס וועט נישט פאסירן — און דאס אלעס וועט גורם זיין דאס וואס ער איז געגאנגען אויף די חתונה! דער איד האט מיר נישט געהאט וואס צו ענטפערן, ער האט מיר צוגעזאגט אז זיין קינד וועט ער זיכער נישט מיטנעמען, און מן הסתם וועט ער אליין אויך נישט גיין.

**כו.**

**מען** זעט דאך בחוש, ס׳איז דא אין ארץ ישראל א פאר אינגעלייט וואס האבן געלערנט אין סאטמאר און האבן חתונה געהאט אויף ווזשניץ, און היינט גייען זיי צו די בחירות, וואס לויט׳ן רבי׳ן זי״ע איז דאס ביהרג ואל יעבור. זעט מען דאך בחוש וואס די חכמז״ל זאגן שאני מינות דמשכי, אויף מינות דרש׳ענען די חז״ל הרחק מעליה דרכיך ואל תקרב אל פתח ביתה זו מינות. די חכמינו ז״ל האבן געמאכט פארשידענע גדרים וסייגים קעגן אלע כתות פון מינים כדי להוציא מלבן של צדוקים.

**ווילאנג** עס איז דא א חומת ברזל, א מחיצה המבדלת צווישן סאטמער און ווזשניצער ציונות, האפן מיר צום בוכה״ע אז מיר וועלן זיך קענען דערהאלטן ביי די אמונה — אבער אז מען צעברעכט די אייזערנע מחיצה, מען כשר׳ט ווזשניץ פאר די אויגן פון טויזנטער ווייבער און קינדער און סתם אידן און מען זאגט נישט קיין איין ווארט, אז מען זאל זייער נזהר זיין נישט נמשך צו ווערן נאך זיי, ווער ווייסט וואס די קאנסעקווענצן קענען ברענגען, און מען דארף גרויס רחמי שמים אז דאס ביסעלע אידן זאלן זיך קענען דערהאלטן און נישט מיטגעריסן ווערן מיט׳ן מבול אפיקורסות וואס האט פארפלייצט די וועלט.

# קונטרס הסברה

וויזשניצער מיידל וואָס איז אויפגעוואַקסן אין טריפה׳נעם חינוך עצמאי און וועט אָנהויבן צו גיין צו די בחירות און אַזוי וועט ער שטייגן מדרגא לדרגא ביז אַזש, ער וועט אין אַ שיינעם טאָג ווערן אַ חבר הכנסת!!

**עס** קוקט טאַקע אויס מאָדנע! אָבער ווער איז דער מענטש וואָס קען געבן די גאַראַנטי אַז דאָס וועט נישט פּאַסירן — און דאָס אַלעס וועט גורם זיין דאָס וואָס ער איז געגאַנגען אויף די חתונה! דער איד האָט מיר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז זיין קינד וועט ער זיכער נישט מיטנעמען, און מן הסתם וועט ער אַליין אויך נישט גיין.

## כו.

**מען** זעט דאָך בחוש, ס׳איז דאָ אין ארץ ישראל אַ פּאָר אינגעלייט וואָס האָבן געלערנט אין סאַטמאַר און האָבן חתונה געהאַט אויף וויזשניץ, און היינט גייען זיי צו די בחירות, וואָס לויט׳ן רבי׳ן זי״ע איז דאָס ביהרג ואל יעבור. זעט מען דאָך בחוש וואָס די חכמז״ל זאָגן שאני מינות דמשכי, אויף מינות דרש׳ענען די חז״ל הרחק מעליה דרכיך ואל תקרב אל פתח ביתה זו מינות. די חכמינו ז״ל האָבן געמאַכט פאַרשידענע גדרים וסייגים קעגן אַלע כתות פון מינים כדי להוציא מלבן של צדוקים.

**ווילאַנג** עס איז דאָ אַ חומת ברזל, אַ מחיצה המבדלת צווישן סאַטמער און וויזשניצער ציונות, האָפן מיר צום בוכה״ע אַז מיר וועלן זיך קענען דערהאַלטן ביי די אמונה — אָבער אַז מען צעברעכט די אייזערנע מחיצה, מען כשר׳ט וויזשניץ פאַר די אויגן פון טויזנטער ווייבער און קינדער און סתם אידן און מען זאָגט נישט קיין איין וואָרט, אַז מען זאָל זייער נזהר זיין נישט נמשך צו ווערן נאָך זיי, ווער ווייסט וואָס די קאָנסעקווענצן קענען ברענגען, און מען דאַרף גרויס רחמי שמים אַז דאָס ביסעלע אידן זאָלן זיך קענען דערהאַלטן און נישט מיטגעריסן ווערן מיט׳ן מבול אפיקורסות וואָס האָט פאַרפלייצט די וועלט.

# כבוד וחנופה לרשעים

## כז.

**עס** איז ידוע ומפורסם פון חז״ל און אַלע ספרים הקדושים, דעם חומר האיסור פון אָפּגעבן כבוד פאַר רשעים, אָדער אפילו געבן זיי דעם מינדעסטן חיזוק, אָדער חנפ'ענען פאַר זיי. דער גאַנצער ספר על הגאולה ועל התמורה וואָס דער הייליגער רבי זי״ע האָט דעמאָלט אַזויפיל פאַרפירט, איינגעריסן וועלטן, איז דער עיקר געווען אויף דעם ענין אַז דורך דעם וואָס מען האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז דער באַשעפער טוט נסים פאַר רשעים, גוט דאָס אַ געוואַלדיגן חיזוק פאַר די רשעים און דאָס איז אַ געוואַלדיגער עון פלילי.

**רבותי!** מאַכט אויף דעם הייליגן על הגאולה ועל התמורה, מישט אויף (עמוד קנ״ב) שרייבט דאָרט דער רבי זי״ע איינס פון די טעמים פאַרוואָס מען טאָר נישט גיין צום כותל **ווייל די רשעים די ציונים טוען דאָרט מורא'דיגע תועבות אויפ'ן מקום המקדש, און זיי פאַרדעקן דאָס אַלעס מיט דעם וואָס זיי באַרימען זיך "דורך אונז האָט איר באַקומען דעם כותל", און דורך דעם וואָס די ציונים טוען זיך אויף און באַרימען זיך פאַר די וועלט, קוקט אָן, מיר האָבן אַהערגעשטעלט פאַר אייך די מקומות הקדושים, דורך דעם באַקומען די רשעים גרויס חיזוק, און זיי קענען אַנגיין מיט אַלע זייערע תועבות נמרצות, און אויב ערליכע אידן גייען צום כותל, קומט אויס אַז דורך די ערליכע אידן באַקומען די רשעים אַ געוואַלדיגן חיזוק, און זיי קענען אַנגיין מיט אַלע זייערע עבירות. קומט אויס אַז די ערליכע אידן זענען גורם אַז דער מקום המקדש זאָל ווערן אַנגערופן אַ מערת פריצים, און די רשעים זאָלן זיך נישט שעמען צו טאָן דאָרט אַלע זייערע עבירות עיי״ש באריכות גדול.**

## כח.

**איצט** איז אַזוי טײַערע פריינט! דער וויזשניצער רבי איז אַ מסית ומדיח, אַ מיטגליד פון מלכות המינות, ער הייסט אידן דינען עבודה זרה ומינות, ער איז אַ פולער שותף אין דעם גאַנצן העברה על הדת פון די ציונים, ער שיקט אידן אין שלאַכטפעלד געה'רג'עט צו ווערן, ער שטיצט אַלע מלחמות פון די מדינה הטמאה, ער לאָבט זיך אויס פון אַלע זייערע גזירות רעות, וואָלט ער כאָטש געוואוסט אַז דאָס יהדות החרדית וועט דאָס אים נישט פאַרשווייגן! ווען ער וועט קומען צו פאָרן קיין אַמעריקע וועט מען אים באַוואַרפן מיט בזיונות און פראָטעסטן, וואָלט ער זיך זיכער געשעמט, און עס וואָלט אים

זיכער צוריק געהאלטן פון פארשידענע זאכן — אבער אז ער ווייסט אז ער איז אן אנגעלייגטער מחותן ביי אונז, מען גוט אים נאך כבוד, מען טאנצט מיט אים אינאיינעם, ווי איז נאך פאראן א גרעסערער חיזוק פון דעם, ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיין גאנצע הסתה והדחה און זיין גאנצע שמד שטיק — לויט'ן רבינ'ס פסק קומט אויס אז די אלע וואס קומען צו די חתונה און גיבן אים דורך דעם חיזוק, האבן א חלק אין אלע זיינע עבירות, ווייל דאס ווערט פאר אים א כסות עינים.

## כט.

**עס** איז באקאנט דער רבינו יונה אין שערי תשובה (שער ג' קמ"ח) וואס רבה"ק זי"ע ברענגט אין (על הגאולה ועל התמורה עמוד ל') בזה הלשון: **ווען איינער לויבט שלעכטע מעשים פון רשעים אדער גיט זיי כבוד, דער איז א רשע גמור, און טוט פארשוועכן די עבודה פון השי"ת און ער איז מחלל די תורה. דאס איז אן עבירה וואס פארלענדט סיי דעם נפש און סיי דעם גוף. צווייטענס: ווייל דורך דעם ווערן א סך אירע נאכגעשלעפט נאך זיי און טוען נאך זייערע מעשים. דריטענס: ווייל די וואס זענען זיך מתחבר צו זיי, אפילו זיי טוען נישט נאך זייערע מעשים, באקומען זיי אבער דעם זעלבן שטראף. פערטענס: ווייל דורך דעם ווערט אראפגענידערט דער כבוד פון אמת'דיגע מענטשן און עס קען נישט זיין קיין הצלחה פאר'ן כבוד פון צדיקים נאר דורך דעם וואס מען דערנידערט דעם כבוד פון די רשעים** — אזוי זאגט דער רבינו יונה ז"ל.

**פירט** דארט דער רבי זי"ע אויס: **ווי מורא'דיג זענען זיינע ווערטער וואס ער שרייבט, אז אויב מען איז מכבד רשעים טוט עס פארלענדן סיי דעם נפש און סיי דעם גוף. פון דעם זעט אויס אז אפילו ער ווערט בכלל נישט נמשך נאך זיי שאדט עס אויך, ווייל דאס אליין אפצוגעבן כבוד פאר רשעים איז א גרויסע עבירה פאר זיך. אויסער דעם איז נישט מעגליך אז ווער עס גיט כבוד פאר רשעים זאל נישט נמשך ווערן נאך זיי,** און דער רבי זי"ע פירט דארט אויס: **וועגן דעם דארף זיך יעדער ערליכער איד דערווייטערן פון די רשעים אליין און אויך פון די אלע וואס באהעפטן זיך צו די רשעים, ווייל זיי זענען פונקט אזוי ווי די רשעים אליין,** עכלה"ק.

**נו!** ווער טרויט זיך צו גיין אויף די חתונה, וואו מען קען זיכער נכשל ווערן מיט אפגעבן כבוד לרשעים, אדער זאגן אויף זיי א שבח, אדער הערן אויף זיי א שבח, און בכלל די עצם חתונה, אז ער קען זיך רואיג קומען צווישן אונז טאנצן, און מען קומט נאך

מיט שטריימלעך, און אַ גרויסער עולם וועט אים געבן מזל טוב, דאָס אַליין איז דאָך אַ געוואַלדיגער כבוד און חיזוק פאַר אים.

## ל.

**דער** רבי זי"ע ברענגט דאָרט נאָך אַ מורא'דיג וואָרט פון רבינו יונה (שערי תשובה שער ג' ק"ס): **אַז אפילו אַ מענטש וואָס היט אָפּ אַלע מצות און ער איז נזהר פון אַלע עבירות, אָבער טאָמער ער האָט ליב אַז רשעים זאָלן האָבן כבוד, דער איז אַ שונא השם** עכלה"ק.

**וועמענס** האַרץ ווערט נישט דערציטערט פון אַזעלכע מורא'דיגע דיבורים? דער גאַנצער סאַטמאַרער הויף אַרבעט אויף קעסל און אויף כלים, אַז דער מסית ומדיח דער וויזשניצער רבי זאָל האָבן דאָ דעם געהעריגן כבוד, און זאָל ח"ו נישט ליידן קיין בזיונות. און לויט'ן רבינו יונה וואָס איז איינער פון די גדולי הראשונים, ווערט מען אין אַזאַ פאַל אָנגערופן שונאי השם!

**געוואַלד** און געשריגן! צו וואָס האָט געטויגט די גאַנצע מעשה? ס'איז געווען אַ שמועס אַז דער וויזשניצער זאָל איינגאַנצן נישט קומען צו די חתונה, ווייל ער וועט ליידן דאָ בזיונות, אָבער מען האָט אים מבטיח געווען פון סאַטמאַרער הויף אַז ער קען רואיג קומען, מען וועט אַכטונג געבן אויף דעם ער זאָל האָבן דעם געהעריגן כבוד, ווי האָט מען נישט מורא פאַר די מורא'דיגע עבירה פון כבוד לרשעים וואָס איז מכלה מנפש עד בשר, און די אַנדערע זאַכן וואָס דער רבינו יונה שרייבט!

## לא.

**רבינו** הקדוש זי"ע ברענגט אין על הגאולה ועל התמורה (עמוד קמ"ו) די גמרא (גיטין כ"ב) אַז אפילו נאָר זאָגן שלו', און אפילו נאָר מיט פשוט'ע רייד, זאָגן אַ גוט וואָרט, טאָר מען אויך נישט מחזק זיין עוברי עבירה, עיי"ש — כל שכן אַז מען זאָגט נאָך מזל טוב — נישט פאַר אַ פשוט'ן עובר עבירה — נאָר פאַר אַ מסית ומדיח, וואָס דאָס איז אַ סך מער ווי סתם שאילת שלו' איז דאָך אודאי אַז מ'טאָר נישט.

# אַן הוראה פון רבי'ן זי"ע

## לב.

**אויסער** דעם אַלעם וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, אפילו מיר זאָלן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס מען טאָר נישט גיין צו די חתונה — אָבער מיר האָבן דאָך אַן הוראה מפורשת פון הייליגן רבי'ן זי"ע, אַז מ'טאָר נישט גיין צו די חתונה — דעמאָלט ווען ר' אהרן אַליין האָט חתונה געהאַט אין בני ברק, האָט דער הייליגער רבי זי"ע געהייסן פאַר זיין גבאי הרה"ח ר' יוסף אשכנזי נ"י צו שיקן אַ בריוו פאַר ר' בנציון יאַקאָבאָוויטש נ"י, אַז קיינער פון אנ"ש טאָר נישט גיין צו די חתונה און קיינער איז טאַקע נישט געגאַנגען, גאַנצע טישן זענען געוועזן ליידיג.

**הגה"צ** מוויטצען ז"ל האָט אַמאָל דערציילט ברבים אין ביהמ"ד, אַז ער האָט דעמאָלט געפרעגט דעם רבי'ן פאַרוואָס ער פאַרפירט אַזוי אַז מ'זאָל נישט גיין צו די חתונה. האָט דער רבי זי"ע געענטפערט, אַז טאָמער וועט מען גיין צו די חתונה, דעמאָלט איז מיין גאַנצע האַראָוואַניע וואָס איך האָב מיך געפלאָגט אויפצושטעלן דאָס שטעטל קרית יואל אין בני ברק, גאָרנישט ווערט, דאָס אַלעס איז געוועזן לריק, איר הערט דיבורים! ס'איז דאָ עדות וואָס האָבן עס אַליין געהערט פון ווייצענער רב ז"ל.

**ס'איז** אויך ידוע אַז הרה"ח ר' משה ארי' גליק נ"י איז דעמאָלט געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט אים רבינו הקדוש זי"ע אָנגעזאָגט ער זאָל נישט גיין צו די חתונה. דאָס זעלבע האָט רביה"ק געזאָגט פאַר הרה"ח ר' יושע העשל גליק נ"י, וואָס איז דעמאָלט געפאָרן, ער האָט זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן, און האָט אָנגעהויבן צו גיין, פלוצלינג אויפ'ן וועג האָט ער באַקומען אַ מורא'דיגן שלשול און ער האָט זיך געמוזט צוריק קערן אַהיים, זיינע קינדער קענען מעיד זיין אויף די מעשה.

**די** מקורבים פון רבי'ן זי"ע דערציילן, אַז עס איז אים געגאַנגען עד דכדוכה של נפש, אַז מ'זאָל נישט גיין אויף יענע חתונה — עס איז דאָ נאָך אַ סך צו רעדן וועגן דעם ענין, אָבער למען כבוד אדמו"ר שליט"א ווילן מיר נישט מער מאריך זיין.

## לג.

**פרעגט** זיך די קשיא? מיט וואָס איז די איצטיגע חתונה בעסער ווי יענע חתונה? — צי איז נשתנו העתים? — צי איז דאָ אַ נייע תורה ח"ו? — ווי אַזוי פּראָבירט מען זיך

# קונטרס הסברה



עובר צו זיין אויפ'ן פסק פון רבי'ן זי"ע, ער איז דאָך אונזער רבי, אונזער טאַטע, אונזער מאַמע, ער האָט אונז געמאַכט פאַר אידן! מיט וואָס איז די איצטיגע חתונה בעסער ווי יענע חתונה? אדרבה, די סכנה איז דאָך אַ סך גרעסער היינט ווי דעמאָלט, ווייל דעמאָלט איז אדמו"ר שליט"א נאָך נישט געווען סאַטמאַרער רבי, און דאָך האָט דער רבי אַזוי מרעיש עולמות געווען, מכל שכן היינט ווען ער איז שוין סאַטמאַרער רבי, איז דאָך די סכנה אַ סך גרעסער. דאָס גיט אַ הכשר אויפ'ן וויזשניצער ציונות ח"ו.

## לד.

**אַ סך** ווילן מאַכן אַ חילוק, ווייל דעמאָלט איז די חתונה געווען אין וויזשניץ און היינט איז עס אין סאַטמאַר. מיט אַזעלכע בויך סברות קען מען חרוב מאַכן די גאַנצע תורה ח"ו, וואָס איז אַ חילוק וויאַזוי מ'איז זיך מתחבר מיט דעם רשע, צי ער קומט צו מיר, צי איך גיי צו אים, מ'געפינט נישט אין ערגעץ אַזאַ חילוק — אדרבה מ'זעט ווי ווייט מ'האָט מחמיר געווען צו גיין אויפ'ן וועג פון די רשעים אפילו זיי זענען בכלל נישט דאָרט, ווייל אפשר וועלן זיי פלוצלינג אָנקומען.

**והשנית** מאַן יימר לן אַז דער "נעסוי קאַלאָסיום" באַלאַנגט פאַר סאַטמאַר מער ווי פאַר וויזשניץ? דער וויזשניצער גיט אויך צושטייער פאַר די חתונה אַ שיינעם סכום, און ער שיקט אויך חתונה קאַרטלעך פאַר זיינע מענטשן, איז ער דאָך פּונקט אַזוי אַ מחותן ווי סאַטמאַר.

**ווי** איז צו אונז, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט! ווער האָט אַמאָל געקלערט אַז אין סאַטמאַר וועט מען זוכן פשרות אין דעם ענין פון התחברות לרשעים! אַזאַ האַרבע זאַך וואָס חכמז"ל האָבן געזוכט אַלע מיני הרחקות וואָס איז נאָר מעגליך, אַזוי האָבן חכמז"ל געטאָן מיט די צדוקים וביייתוסים, מען האָט זיי אָפּגעשיידט אינגאַנצן פון כלל ישראל, און אַזוי האָבן די חכמי הדור געטאָן מיט די קראים, און שפּעטער מיט די משכילים און מיט די נעאָלאָגן, און אַזוי האָבן אַלע צדיקים געטאָן מיט די ציונים און מזרחים, מען האָט גע'אסר'ט זיך משדך צו זיין מיט זיי, מען האָט גע'אסר'ט צו עסן צוזאַמען מיט זיי ווייל דאָס ברענגט קירוב לבבות.

## לה.

**און** דאָס ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז די היינטיגע אגודה איז אַ סך ערגער ווי די דעמאָלטיגע מזרחי. מיר האָבן דאָס געהערט צענדליגער מאָל פון הייליגן רבי'ן זי"ע — גיט

# קונטרס הסברה

אַ קוק וואָס דער הייליגער רבי זי״ע שרייבט אויף די וואָס זענען זיך נאָר מתחבר מיט די מענטשן פון מזרחי: (אין דברי יואל מכתבים ח״א ע׳ פ״ג) **אַזוי ווי עס זענען דאָ אָנגעקומען אומווירדיגע מענטשן אונטער דעם טמא׳נעם נאָמען ״מזרחי״, און עס איז דאָ אַ סכנה אַז מען זאָל נישט מיטגעריסן ווערן מיט זיי, ווייל שאני מינות דמשכי, וועגן דעם וויל איך וואָרענען מיט אַ האַרבע וואָרענונג אונזער קהלה, אַז יעדער איז מחויב מוחה צו זיין אין זיין הויז מיט מסנ״פ, אַז קיינער זאָל נישט גיין צו זיי, ווייל מען קען געכאַפּט ווערן אין נעץ פון מינות וכפירה רח״ל — און ווער עס וועט יאָ גיין צו זיי, דער איז אויסגעשלאָסן פון אונזער קהלה, און מען טאָר אים נישט מצרף זיין צו מנין און צו קיין שום דבר שבקדושה, און מ׳טאָר אים נישט אויפרופן צו די תורה, און טאָמער ער וועט נאָך אַלץ נישט תשובה טאָן וועט ער זיין לחרפות ולדראון עולם, און מ׳טאָר זיך נישט מיט זיי משדך זיין און יעדער מאַן אָדער פרוי וואָס וועט נישט געהעריג מוחה זיין אויף זיין בני בית אַז מ׳זאָל זיך נישט מחבר זיין מיט זיי, וועלן זיי אַריינגיין אין כלל פון מחטיא את הרבים, און האָבן דעם זעלבן דין ווי די רשעים אַליין, און זיי האָבן קיינמאָל נישט קיין תקנה,** עכלה״ק.

**אין** דעם זעלבן פאַרעם האָבן געשריבן אַלע גדולי ישראל פון פריערדיגן דור.

**איצט** שטעלט אייך פאָר רבותי! דאָס איז געשריבן געוואָרן נישט אויף די מזרחי אַליין, ווייל מיט זיי וואָלטן זיך ממילא קיין שום ערליכער איד נישט משדך געווען — דאָס איז געשריבן געוואָרן אויף די וואָס באַהעפטן זיך צו די מזרחי, מיט זיי האָט מען אויך גע׳אסר׳ט זיך משדך צו זיין — איצט אַז מען האָט אונז תמיד געלערנט אַז די היינטיגע אגודה איז ערגער ווי די מזרחי, ווייל זיי האַלטן אויף דאָס גאַנצע ציונות, איז דאָך אוודאי און אוודאי אַז אַן ערליכער איד טאָר זיך נישט משדך זיין מיט זיי — ס׳איז ידוע ומפורסם אַז דער רבי זי״ע האָט שוין געהאַט געשריבן אין ספר ויואל משה אַז מען טאָר זיך נישט משדך זיין מיט די אגודה, נאָר נאָך רוב הפצרות פון רבנים, האָט ער עס אויסגעלאָזט — מען קען דאָ נישט אַלעס דערציילן כמובן.

**מיט** דעם קען מען קלאָר פאַרשטיין פאַרוואָס דער רבי זי״ע איז דעמאָלט אַזוי ברוגז געווען אויף דעם שידוך — און ער האָט אַרויסגעגעבן אַן הוראה מפורשת אַז קיינער זאָל נישט גיין צו די חתונה.

**פרעגן** מיר מיט שטוינונג, פון די אַלע ארץ ישראל אידן און רבנים וואָס קומען צו די חתונה — באיזה פנים קומט איר? — ווען דער רבי זי״ע וואָלט נאָך היינט געלעבט וואָלט איר אויך געקומען? צי פרייט איר זיך מיט דעם וואָס דער הייליגער רבי זי״ע איז

שוין נישט דאָ? — ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג אַז זיין הוראה איז אונז אַלע מחייב, מיר זענען זיינע תלמידים און מיר האָבן נישט קיין רעכט עובר צו זיין אויף זיין הוראה.

**לו.**

**כדי** צו זען ווי ווייט ס׳איז דעם רבי׳ן געגאַנגען אין לעבן אַריין, אַז מ׳זאָל ח״ו נישט מיינען אַז סאַטמאַר און וויזשניץ איז שוין איינס דורך דעם שידוך, איז צו זען פון די מעשה וואָס האָט פאַסירט דעמאָלט ווען אדמו״ר שליט״א האָט חתונה געמאַכט ר׳ אהרן׳ען, איז דאָך דער רבי זי״ע געוועז זייער צעקאָכט, דעמאָלט האָט הרה״ח ר׳ נתנאל פאַרקאַש נ״י פונקט חתונה געמאַכט אַ זון אין ארץ ישראל, און עס איז אַזוי אויסגעקומען אַז דאָס באַוואָרפן איז געווען אין וויזשניץ, ווייל דער מחותן האָט דאָרט געוואוינט און ר׳ נתנאל איז שפּעט אָנגעקומען האָט ער שוין נישט געקענט שטערן. כאָטש ס׳איז געווען נגד רצונו.

**האָט** זיך געטראָפן איינער וואָס האָט געזאָגט פאַר׳ן רבי׳ן זי״ע אַז ר׳ נתנאל זאָל האָבן געזאָגט, סאַטמאַר און וויזשניץ איז דאָך שוין איינס (מיינענדיג דעם שידוך פון אדמו״ר שליט״א) — דאָס האָט דעם רבי׳ן זי״ע אַזוי אויפגערעגט עד אין לשער. דער רבי האָט געשריגן, איך וויל מער נישט וויסן פון אים. ווען ר׳ נתנאל איז אַהיימגעקומען, האָט ער שוין געהערט פון די גאַנצע מעשה, ער האָט דאָך געוואוסט ביי זיך אַז די גאַנצע זאַך איז שקר, איז ער אַריינגעגאַנגען צום רבי׳ן. דער רבי האָט אים כמעט נישט געוואָלט געבן שלו׳, האָט זיך ר׳ נתנאל אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן אַז די גאַנצע זאַך איז שקר, ס׳איז אָבער נישט געגאַנגען אַזוי גרינג, ר׳ נתנאל האָט געברענגט פאַר׳ן רבי׳ן ראיות ברורות אַז ער האָט געזאָגט און געטאָן מעשים פונקט פאַרקערט. ענדליך צום סוף האָט אים דער רבי זי״ע מוחל געווען — פון דעם קען מען זען ווי ווייט עס האָט דעם רבי׳ן נוגע בנפשו געווען די מחשבה אפילו, אַז מען זאָל נישט מיינען ח״ו אַז ס׳איז שוין איינס.

**לז.**

**ווי אַזוי** קען מען נעמען גאַנץ קהל אנשים נשים וטף, און זיי צוזאַמען ברענגען מיט ציונים מובהקים, צוזאַמען מיט דעם עומד בראש, וואָס האַלט אויף דאָס ציונות שוין יאָרן לאַנג. עס איז דאָך קיין שום ספק נישט אַז אַ סך פשוט׳ע אידן, איבערהויפּט ווייבער און קינדער וועלן מיינען אַז עס איז שוין איינס. ביז איצט האָבן מיר אַלע געוואוסט אַז וויזשניץ איז טריפה — זיי זענען פרומע ציונים — זיי זענען רעליגיעזע אפיקורסים, אַזוי ווי דער רבי זי״ע פלעגט זיי צו רופן — מיר האָבן געוואוסט אַז זיי זענען נאָך ערגער ווי די פרייע ציונים און ווי די מזרחי, ווייל זיי לייגן אַלעס אַריין אין די תורה הקדושה, און טוען אָן פאַר׳ן ציונות אַ לבוש פון תורה און חסידות.

**פלוצלינג** וועט מען זען אַז עס איז נישט אַזוי געפערליך ווי מען מאַכט עס, מען קען זיין אַ סאַטמאַרער חסיד און מען קען טאַנצן צוזאַמען מיט ציונים — וועט מען קומען צו די מסקנה אַז ס'איז דאָ צוויי שיטות — סאַטמאַר האַלט אַזוי און וויזשניץ האַלט אַזוי, אלו ואלו דברי אלקים חיים, סאַטמאַר האַלט אַז מ'טאָר נישט האָבן אַ מדינה פאַר ביאת המשיח, און וויזשניץ האַלט אַז מען מעג יאָ — דער רבי זי"ע פלעגט שרייען, **אַז וועך עס קלערט נאָר איין רגע אַז מען מעג האָבן אַ מדינה ,דער איז אַ כופר בעיקר,** — און איצט נעמט מען גאַנץ סאַטמאַרער קהל, און מ'טוט זיי אָן שטריימלעך,און מ'מאַכט זיי טאַנצן צוזאַמען מיט אידן וואָס נישט נאָר זיי האַלטן אַז מ'מעג האָבן אַ מדינה, נאָר זיי זענען שותפים ממש אין אַזאַ מדינה — מיט דעם מאַכט מען קאַלט דאָס גאַנצע ענין פון קנאות — מ'מאַכט לצנות פון גאַנצן ענין פון התבדלות מרשעים ומהמתחברים אליהם — מי הוא זה ואיזהו? וואָס טרויט זיך צו נעמען אַזאַ אחריות אויף זיך.

**מיר** וואונדערן זיך! וואו זענען אונזערע רבנים? וואו זענען אונזערע דיינים? פאַרוואָס זאָגן זיי נישט אַ וואָרט?

## לימוד זכות אויף רשעים

### לח.

**עס** איז ידוע פון חבז"ל און פון אַלע פוסקים דעם גרויסן איסור פון מלמד זכות זיין אויף רשעים און מסיתים ומדיחים מחטיאי הרבים — ס'איז דאָ אויף דעם אַ פּאָר לאווין אין די תורה (דברים י"ג) לא תאבה לו, ולא תשמע אליו, ולא תחוס עינך עליו, ולא תחמול, ולא תכסה עליו, זאָגט רש"י פשט, לא תחמול איז טייטש, זאָלסט נישט זוכן אויף אים קיין זכות, ולא תכסה עליו, איז טייטש, אויב דו ווייסט אויף אים עפּעס שלעכטס, טאָרסטו נישט שווייגן, עיין שם.

**די** גמרא זאָגט אין מסכת שבועות (דף ל"ט) אין לך משפחה שיש בה מוכס שאין כולה מוכסין ושיש בה לסטים שאין כולה לסטים מפני שמחפין עליו, דאָס מיינט אויב עס איז דאָ אין אַ משפחה אַ רויבער, ווערט די גאַנצע משפחה אָנגערופן רויבער, און זיי אַלע באַקומען דעם זעלבן עונש ווי דער רויבער אַליין, ווייל זיי זענען מחפה אויף אים. דאָס הייסט זיי פאַרדעקן זיינע עבירות און זענען מלמד זכות אויף אים ע"ש.

**רבינו** הקדוש זי"ע באַנוצט זיך אַ סך מיט די גמרא און מיט דעם באַקאַנטן מנות

הלוי: אַז די וואָס זענען מחפה אויף עוברי עבירה זענען נאָך ערגער ווי די וואָס זענען נישט מוחה — בקיצור די גמרא זאָגט, אַז אויב עס איז דאָ אַן עובר עבירה און די משפחה ווערט די גאַנצע משפחה נענש אויף זיינע עבירות, ווייל מ'איז מחפה אויף אים.

## לט.

**לוידער** בעוונותינו הרבים מיר זעען שוין דעם חורבן פאַר אונזערע אויגן! נישט מען דאַרף מורא האָבן אויפ'ן עתיד, נאָר מען זעט עס שוין ממש בחוש! לא יאומן כי יסופר! מ'האָט זיך משדך געווען מיט די משפחה פון אַ לסטים, אַ מסית ומדיח, וואָס האַלט אויף דאָס ציונות, און האַלט אויף די גאולה שלימה, און מען וויל דאָך נישט מודה זיין על האמת, אַז עס איז געווען אַ טעות, כאָטש יעדער ווייסט ווי ברוגז רבה"ק זי"ע איז דעמאָלט געווען, ס'איז אַ גרויסע נגיעה מודה על האמת צו זיין אויף אַ זאַך וואָס מען האָט שוין געטאָן, אַזוי ווי דער רבי זי"ע איז מאריך אין ויואל משה.

**און** כדי צו פאַרדעקן די בושה הייבט מען אָן מלמד זכות צו זיין אויף די פושעים — ס'גלייבט זיך אַליין נישט וואָס מ'קען היינט הערן פון די שענסטע אינגעלייט אין סאַטמאַרער ביהמ"ד — מ'זאָגט, מ'האָט דעם רבי'ן ח"ו פאַרפירט — מ'לייקט אָפּ זאַכן וואָס די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט — לטובת די פאַרטיי איז מען מטשטש און מסלף דברי צדיקים — איר קענט היינט הערן פון די שענסטע אינגעלייט, אַז דער רבי זי"ע האָט גאָרנישט געהאַט קעגן וויזשניץ — אדרבה, ער האָט אים מכבד געווען, שומו שמים! דאָרט ווי ס'איז באַקאַנט די שנאה וואָס דער רבי האָט אים אַרויסגעוויזן, ער האָט אים נישט געוואָלט קוקן אין פנים אַריין — דער גאַנצער ויואל משה און דער גאַנצער על הגאולה ועל התמורה איז געשריבן קעגן וויזשניץ, ווער איז די אגודה? און ווער זענען די חברי הכנסת, און ווער זענען די דתיים, און ווער האָט פאַרציילט נסים, אויב נישט די וויזשניצער?

**וועמען** האָט דער רבי זי"ע געמיינט, ווען ער האָט געשריגן מיט קולי קולות אין די באַקאַנטע תורה (וישלח תשי"ז) **איך וועל ענדערש דאַווענען ביחידות, ווי איידער מצרף צו זיין צו מנין אַזעלכע מענטשן וואָס דערציילן נסים פאַר די ציונים, איך וויל נישט זיי זאָלן זיך געפינען אין מיין ביהמ"ד, ווייל דאָס איז מינות וכפירה**, און ער האָט געשריגן, **אַז מ'טאָר זיך נישט אָנקערן מיט זיי, מ'טאָר אפילו נישט שטיין אין זייערע ד' אמות!** וועמען האָט ער געמיינט מיט דעם אַלעם, אויב נישט די וויזשניצער, און אויף אים אַליין האָט ער דאָך בפירוש געזאָגט אַז ער איז אַ כופר בעיקר און היינט קומט מען זאָגן אַז דער רבי האָט גאָרנישט געהאַט קעגן וויזשניץ! אוי לאזנים

# קונטרס הסברה



שכך שומעות! איר קענט היינט הערן אין ביהמ"ד, אַז ס'איז נישט קיין איסור צו רעדן עברית נאָר צו לערנען — ס'איז אפילו אַ ליצנות אַפּצואוועגדן אַזעלכע דברי טפשות והבל.

**און** דאָס אַלעס זענען די תוצאות פון דעם שידוך וואָס מ'זוכט מחפה צו זיין אויף די משפחה שיש בה מוכסים וליסטים, און מ'וויל לעבן מיט זיי בשלו' ווי גוטע ברידער.

**מ.**

**ר' אהרן נעמט געלט פון זיין שווער — ער האָט געגעבן שווערע געלטער פאַר זיין הויז אין קרית יואל, כידוע, און אַז מען נעמט געלט ווערט מען משוחד, ער קען אים נישט פיינט האָבן בשום אופן, און ער איז כסדר מחפה אויף אים,** אויף די אגודה רעדט ער טאַקע קנאות, אָבער אויף זיין שווער איז ער מחפה, טאָמער רעדט עמיצער אויף זיין שווער, צי מ'שרייבט עפעס אויף די מועצת גדולי התורה, איז ער זיך נוקם ונוטר אין אים כנחש.

**ר' אהרן** האָט גע'דרש'נט פאַר די בחורים אַז זיי וואָלטן זיך געמעגט לערנען פון די וויזשניצער בחורים, ווי אַזוי זיי גייען אין פייער פאַר זייער רבי'ן — ער גייט דרש'ענען אויף זייערע דינער'ס, און טאָמער האָט איינער אַ תלמיד חכם מוחה געווען, איז מען אים מבזה ברבים, און מ'גיט אים נישט קיין כבוד.

**מ'זעט** אויף טריט און שריט ווי אַזוי מ'איז מחפה אויף די רשעים, און מען איז מלמד זכות אויף אידן וואָס מען האָט אונז תמיד געלערנט אַז מען דאַרף זיי פיינט האָבן און מ'דאַרף זיך מיט זיי קריגן — מ'מאַכט קאַלט דאָס גאַנצע ענין פון קנאות און פון התבדלות מרשעים. דאָס איז געווען די אַרבעט פון עמלק'ן אשר קרך בדרך, ער האָט קודם קאַלט געמאַכט אידן פון אמונה, און נאָך דעם האָט ער זיי געקענט בייקומען, אַזוי ווי דער רבי זי"ע זאָגט אין דברי יואל.

**"דער איד"** איז לוידער לעצטענס געוואָרן אַ סאַטמאַר-וויזשניץ בלעטל, איר קענט דאָרט טרעפן כמעט יעדע וואָך די ווערטער. כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א — אַ מסית ומדיח איז אַ כ"ק, מיט אַן אדמו"ר, מיט אַ שליט"א, און מ'שרייבט אויף זייערע מוסדות די הייליגע מוסדות — וואָס פאַר אַ חינוך איז דאָס פאַר אונזערע קינדער? געוואַלד רבותי! וועקט אייך אויף פון שלאָף איידער עס וועט ווערן שפעט.

**זאָל** יעדער איינער וואָס גייט צו די חתונה וויסן, אַז עס איז אַ געוואַלדיגער איסור מלמד זכות צו זיין אויף אַ מסית אפילו במחשבה: מיר קענען מער נישט מאריך זיין, אי"ה אין די קומענדיגע קונטרסים וועלן מיר מער מאריך זיין.

# חילול השם

## מא.

**אַ סך** אירע טענה'ן אַז גיין צו די חתונה הייסט נישט חיזוק לרשעים — ווייל איך ווייס ווייטער ביי מיר אַז וויזשניץ טויג נישט — דאָס איז אַ פאַלשער תירוץ — קודם כל האָט מען דאָך צו טאָן מיט אַ פשוט'ן המון עם, און מיט ווייבער און קינדער וואָס ווייסן נישט וואָס צו טראַכטן. זיי קוקן אָן דעם גאַנצן בילד, מיינען זיי אַז הותרה הרצועה, ס'איז נישט אַזוי געפערליך מיט וויזשניץ, אַזוי ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט.

**אָבער** אויסער דעם אַלעם, וואָס טוט זיך מיט חילול השם? — מ'דאַרף דאָך קוקן ווי אַזוי די וועלט טייטשט עס אויס? אדרבה, קוקט וואָס די בלעטער שרייבן? זיי שרייבן אַז סאַטמאַר מיט וויזשניץ איז שוין איינס — קוקט אָן וויאַזוי מ'טייטשט עס אויס אין די וויזשניצער קרייזן אַליין — דאָרט איז ששון ושמחה, אַז זיי האָבן דערלעבט אַזאַ טאָג, זיי זאָגן **זה היום שקוינוהו מצאנו ראינו**, אויף דעם טאָג האָבן מיר געוואַרט און געהאָפט, און ענדליך האָבן מיר עס דערגרייכט — ביז היינט זענען מיר ביי סאַטמאַר געווען טריפה, און איצט זענען מיר געוואָרן כשר.

**דאָס** האַרץ דאַרף דאָך ווייטאָן צוקוקנדיג ווי צענדליגער וויזשניצער חסידים קומען צו גאַסט אויף קרית יואל צום באַוואַרפן, נישט ווייל קרית יואל איז עיניהם צרה באורחים, וואו איז נאָך דאָ אַזויפיל הכנסת אורחים און אַזויפיל צדקה וחסד ווי אין קרית יואל, נאָר עס טוט אונז וויי, מיט וואָס פאַר אַ כוונה די אורחים קומען, זיי קומען דאָך מיט אַ כוונה פון **והיינו לעם אחד — , אויף דעם טאָג האָבן זיי שטענדיג געהאָפט, אַז מ'זאָל שוין קענען ווערן גוטע ברידער מיט סאַטמאַר, און מ'זאָל קענען ווייטער בלייבן ציונים. זיי לאַכן און שפעטן ווייטער פון אונזער הייליגע שיטה, און דאָך זענען זיי אַנגעלייגטע געסט, זיי קומען מיט אַ כוונה פון את בנותיכם נקח לנו ואת בנותינו נתן לכם** — דאָס איז אַ זאַך וואָס דאַרף ווייטאָן פאַר יעדן איד וואָס פירט זיך לויט די שיטה פון רביה"ק זי"ע.

## מב.

**וואָלטן** כאָטש די רבנים און דיינים און אונזערע דרשנים זיך אויפגעשטעלט און מודיע געווען פאַר'ן עולם אַז מ'זאָל ווייסן, מ'גייט אַריין אין פייער, און מ'דאַרף זייער אַכטונג געבן אַז מ'זאָל נישט פאַרברענט ווערן פון דעות כוזבות — וואָלטן כאָטש די רבנים מגלה דעת געווען אַז סאַטמאַר האַלט ווייטער אַזוי ווי ביז איצט, זאת התורה לא תהא

# קונטרס הסברה



מוחלפת, די ווישניצער זענען ווייטער פונקט אזוי ווי ביז איצט, מ'טאר זיך נישט אנקערן מיט זיי, אפילו איינער וואס וועט עובר זיין אויף די אלע איסורים און וועט יא גיין אויף די חתונה, דארף ער אבער גיין כאילו כפאו שד, און טאמער הערט ער פון גראמער אדער פון אן אנדערן א שבח אויף א מסית ומדיח, דארף ער גלייך אנטלויפן פון דארט כמטחוי קשת — וואלטן די דיינים כאטש מודיע ומזהיר געווען דעם עולם, אז יעדער דארף זיך מיטנעמען וואטע, אז ווען מען וועט משבח זיין דעם ווישניצער מסית ומדיח, זאל מען זיך כאטש צושטאפן די אויערן, (הגם ס'איז נישט גענוג על פי הלכה), וואלט נאך געווען א האלבע צרה, אבער די צרה איז דאך אז אלע רבנים און דיינים טאנצן מיט, אלע ציטערן זיי פאר זייער כבוד און פרנסה, און דעמאלט מה יענו איזובי קיר?

**ס'איז** באקאנט דער מדרש רבה אין פרשת ואתחנן — ס'שטייט דארט אזוי: אלעס וואס די גדולים טוען, טוט דער דור נאך — ס'הייבט זיך אן ביים נשיא — דער נשיא איז מתיר אן איסור — קלערט דער אב בית דין ביי זיך — וואזוי קען איך אסר'ן אז דער נשיא איז מתיר — און די דיינים קלערן וויאזוי קענען מיר אסר'ן אז דער אב"ד איז מתיר, זענען זיי אלע מתיר — און דאס דור קלערט, אלע דיינים זענען מתיר און אונז זאלן מיר זיין פרומער פון זיי? זינדיגן זייך אויך — פירט אויס דער מדרש: ווער האט גורם געווען אז דאס גאנצע פאלק זאל זינדיגן, דער נשיא וואס האט קודם געזינדיגט עיי"ש.

**שטעלן** מיר א הארבע פראגע פאר אונזערע רבנים און דיינים. דא אויף דעם עולם השקר קענט איר טרעפן כל מיני תירוצים צו בארעכטיגן אייער גיין, אבער מה תענו ליום פקודה? איר קוקט אייך רואיג צו, ווי מ'איז מפקיר גאנץ סאטמאר אין איין נאכט — מען צעברעכט די חומות ברזל וואס האט אפגעשיידט צווישן אונז און די ציונים, און נישט גענוג איר זענט נישט מוחה כדת וכדין, העלפט איר נאך שטיפן דעם וואגן? מען וועט דאך אייך אמאל פרעגן די הארבע קשיא? **על כבודי לא מחיתם ועל כבוד בשר ודם מחיתם!** וואס וועט איר דערויף ענטפערן?

**וויסן** זאלט איר, מידכם תבוקש זאת, אויף אייער אחריות ליגט דער גאנצער חילול השם — האט אביסל מסירת נפש פאר די הייליגע אמונה — דער מפתח פון פרנסה ליגט ביים בורא כה"ע אין די הענט, נישט ביי קיין בשר ודם, און ער וועט אודאי נישט פארלאזן די וואס נעמען זיך אן פאר זיין כבוד.

## מג.

**מיר** וועלן אייך דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט בזמן הבית. די מעשה ווערט געברענגט אין מסכת סוטה (מ"א ע"ב) אגריפס המלך האט געליינט אין די תורה

משנה תורה, ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק לא תוכל לתת עליך איש נכרי, איז געריננען טרערן פון זיינע אויגן, ווייל ער האט נישט געשטאמט פון אידן, פון זיין טאטנ׳ס זייט (עיי״ש ברש״י ותוס׳), האבן די חכמים אים געוואלט בארואיגן, האבן זיי אים געזאגט **אחינו אתה — דו ביסט אונזער ברידער,** זיי האבן אים גע׳חנפ׳עט. די גמרא זאגט דארט: באותה שעה נתחייבו שונאיהן של ישראל כליה, שהחניפו לו לאגריפס, אז עס איז נגזר געווארן אויף די אידן א גזירת כליה ח״ו, פאר די עבירה וואס מ׳האט גע׳חנפ׳ט פאר אגריפס.

**תוספות** ברענגט דארט פון ירושלמי, אז א סך אידן זענען ל״ע געשטארבן דעם טאג ע״ש — דער רבי זי״ע איז מאריך אין דעם ענין אין ויואל משה (עמוד ק״ה), אז אין אמת׳ן האט אגריפס המלך נישט עובר געווען נאר אויף אן איסור לאו, און אויף דעם קומט נישט קיין מיתה, נאר אויף די חנופה, וואס מען ווייזט אן הסכמה פאו עוברי עבירה. דאס איז א סך הארבער ווי די עבירה אליין, ווייל דאס גיט א הכשר אויף די עבירה, עיי״ש באריכות גדול.

**לאמיר** זיך גוט בארעכענען. מורי ורבותי! אין די נאכט פון אור ליום י״א כסלו, גייט גאנץ סאטמארער קהל, אנשים נשים וטף מיט אלע אירע רבנים און דיינים, אויסשרייען פאר׳ן וויזשניצער מסית ומדיח — **אחינו אתה!** — דו ביסט אונזער ברידער — כאטש דו ביסט א חוטא ומחטיא את הרבים שוין צענדליגער יארן — כאטש דו ביסט א מסית ומדיח צו דעם עגל הציונות טויזנטער אידן — כאטש דו ביסט א שותף אין די רעגירונג, און ממילא ביסטו א שותף צו דעם גאנצן העברה על הדת — פונדעסטוועגן דאך ביסטו — **״אונזער ברידער״** — מיר קענען טאנצן מיט דיר צוזאמען — מיר קענען זיך אפגעבן כבוד איינער פאר׳ן אנדערן — מיר האבן זיך נישט פיינט איינער דעם אנדערן — מיר קענען הערן שבחים איינער אויפ׳ן אנדערן.

**אוודאי** גייט מען נישט זאגן פאר אים די ווערטער, ״אחינו אתה״ — אבער עס זאגט זיך אליין, אזוי טייטשט ער עס אויס, און אזוי טייטשן עס אויס זיינע חסידים, און אזוי טייטשט עס די וועלט אויס, אז מ׳איז שוין געווארן איינס — און אזוי וועלן עס ליידער אויסטייטשן א סך פון אונזערע ווייבער און קינדער, און א סך פון אונזערע תמימות׳דיגע אידן — נו! ווי האט מען נישט מורא פאר דעם גרויסן ביטערן עונש וואס קומט אויף דעם עון פון חנופה לעוברי עבירה.

**מד.**

**דער** רבי זי״ע ברענגט אין דברי יואל (משפטים עמוד קי״ח) **פון מענטשן וואס**

# קונטרס הסברה



**זיי אַליין זענען שומרי תורה ומצוות, נאָר זיי זענען זיך מתחבר צו רשעים, דאַרף מען זיך דערווייטערן נאָך סך מער ווי פון די רשעים אַליין** — אַזוי ווי דער חיד"א טייטשט די משנה אין אבות (פ"א מ"ז) הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע, זאָלסט דיך דערווייטערן פון אַ שלעכטן שכן, און זאָלסט דיך נישט באַהעפטן צו אַ רשע.

**פרעגט** דער חיד"א, ס'איז דאָך אַ דאָפּלט לשון, ענטפערט ער אַזוי: "שכן רע" מיינט, אַז ער אַליין איז אַן ערליכער, נאָר ער באַהעפט זיך צו אַ רשע, און פון אַזאַ מענטש דאַרף מען זיך דערווייטערן נאָך מער ווי פון אַ רשע אַליין, ווייל פון רשע ווייסט מען זיך נישט אָפּלערנען, יעדער ווייסט אַז ער איז אַ רשע, איז גענוג אַז דער תנא וואָרנט מיך ואל תתחבר לרשע, זאָלסט זיך נישט באַהעפטן צו אים, **אָבער שכן רע מיינט מען, אַז ער אַליין איז אַן ערליכער נאָר ער איז אַ שכן פאַר אַ רשע און באַהעפט זיך צו אים, פון אַזאַ מענטש קען מען זיך אָפּלערנען, וועגן דעם איז נישט גענוג אַז מען זאָל זאָגן באַהעפט דיך נישט צו אים, נאָר דער תנא וואָרנט "הרחק משכן רע", פון אַזאַ מענטש זאָלסטו דיך דערווייטערן עד קצה האחרון** — אַזוי זאָגט דער חיד"א ז"ל, — **פירט דאָרט אויס דער רבי זי"ע: אַז פון אַזוינע מענטשן וואָס זיי אַליין זענען ערליכע נאָר זיי זענען זיך מתחבר לרשעים, דאַרף מען זיך דערווייטערן און נישט האָבן מיט זיי קיין שום שייכות, אפילו מיט קליינקייטן וואָס עס זעט נישט אויס פאַר קיין שום נדנוד עבירה** — עכלה"ק.

**איצט** אפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז דער וויזשניצער איז אַליין נישט קיין רשע, אָבער דאָס איז הכל מודים אַז ער איז מחובר און מדובק צו די רשעים און כופרים די ציונים, ער איז אַ פולער שותף אין די רעגירונג, דאַרף מען זיך דאָך אויך דערווייטערן פון אים. נאָך מער ווי פון די רשעים אַליין, און אפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז גיין צו די חתונה איז נישט קיין עבירה, פסק'ענט דאָך דער רבי זי"ע, אַז אפילו ס'איז נישט דאָ קיין שום נדנוד עבירה דאַרף מען זיך אויך דערווייטערן פון זיי — על אחת כמה וכמה ווען ער אַליין איז אַ מסית ומדיח און חוטא ומחטיא את הרבים, און גיין צו די חתונה טאַנצן צוזאַמען איז אַ ריכטיגע התחברות, עס ברענגט קירוב לבבות, איז דאָך אודאי אַז מען טאָר נישט גיין צו די חתונה.

## מה.

**מיר** וועלן מעתיק זיין נאָך דיבורים פון רבי'ן זי"ע, ווי ווייט מען דאַרף זיך דערווייטערן אפילו פון שומרי תו"מ וואָס זענען זיך מתחבר צו רשעים — אין דברי יואל (פרשת לך ע' שט"ו) שרייבט ער אַזוי:

# קונטרס הסברה



**וועו איינער גייט נאר צווישן רשעים אפילו ער טוט דארט גארנישט, ער גייט נאר אהין, דער סוף וועט זיין אז ער וועט זיך אראפקייקלען ביז'ן תהום און שפעטער וועט ער שוין גיין צו זיי געהעריג, און נאכדעם וועט ער שוין בארעכטיגן זייערע מעשים און זיי וועלן שוין נישט זיין אין זיינע אויגן קיין רשעים, און ער וועט זיך שוין נישט דערווייטערן פון זיי, און ער וועט זיי אלעס גלייבן, און ער וועט חוזק מאכן פון ערליכע אידן, און דאס אלעס האט גורם געווען, דאס וואס ער איז איינמאל געגאנגען צו זיי בהעברה בעלמא, וועגן דעם דארף מען אנטלויפן פון זיי עד קצה האחרון, ער זאל בכלל נישט גיין צו זיי, דעמאלט וועט ער ניצל ווערן פון דעם אלעם, עכלה"ק.**

**נו!** ווער קען אויף זיך מעיד זיין אז ער איז נישט פון די? אז אים וועט דאס נישט שאדן? דארט ווי די חז"ל זאגן עדות אז עס וועט יא שאדן. דער רבי זי"ע טייטשט דאס אריין אין די דברי חכז"ל — איבערהויפט ווען מען טאנצט צוזאמען וואס דאס איז א סך מער ווי סתם גיין.

**דער** רבי זי"ע ברענגט אין על הגאולה ועל התמורה (עמוד ל"א) דעם אבות דר' נתן, ר' עקיבא האט געזאגט, ווען איינער באהעפט זיך צו עוברי עבירה אפילו ער טוט נישט זייערע מעשים, באקומט ער דעם זעלבן עונש ווי די רשעים אליין, **זאגט דער רבי דארט, אז אפילו פון די מענטשן וואס זיי אליין זענען נישט קיין רשעים, נאר זיי באהעפטן זיך צו רשעים, אפילו פון זיי דארף מען אנטלויפן און זיך דערווייטערן, יעדער וואס פארכט זיך פון באשעפער, ווייל די וואס זענען זיך מתחבר לרשעים האבן דעם זעלבן דין אזוי ווי די רשעים אליין** — עכלה"ק.

# קונטרס הסברה



## מיר זענען דאָ מעתיק פאַרשידענע מאמרים
## פון רבי'ן זי"ע אין עניני
## התבדלות מרשעים

דער אלשיך הק' שרייבט: ס'איז נישט דאָ קיין גרעסערער רחמנות אויף דער וועלט ווי צו פאַרשניידן קרח'ן מיט זיינע חברים, ווייל זייער שטאַרבן דאָס איז דאָס חיות פון כלל ישראל. (דברי יואל שמיני קפ"ט)

דער פסוק וואָרנט אויב מען אַנטלויפט נישט פון די רשעים מיט אַלע מיני בריחות נאָך איידער זיי טוען שלעכטס, פאַלט מען נאָך דעם אַריין אין זייערע הענט פלוצלינג אַזוי ווי איינער וואָס גייט אין די פינסטערניש. (שו"ת ד"י ח"ב תכ"ג)

אין היינטיגן דור דאַרף מען מער מחמיר זיין אין עניני התחברות לרשעים — ווייל ווי קלענער די דורות ווערן, קען מען גיכער נמשך ווערן נאָך זיי. (ויואל משה קמ"ח)

דער ישמח משה שרייבט: דער באַשעפער האָט אַריינגעלייגט אין די טבע אַז אַ רשע מיט אַ צדיק האָבן זיך פיינט איינער דעם אַנדערן אפילו זיי קענען זיך נישט, כדי זיי זאָלן נישט האָבן התחברות. (גחלי אש שס"ב)

ס'איז דאָ אַן הבטחה פון השי"ת אַז עס וועלן אייביג בלייבן מאמינים אין הקב"ה, אָבער דאָס איז נאָר בתנאי אַז מען איז זיך נישט מתחבר מיט מנאצי השם, און מען אַנטלויפט פון זיי אַזוי ווי פון אַ לייב. (גחלי אש שס"ג)

דער מהר"ל מפראג ז"ל זאָגט: אַז התבדלות הייסט נאָר אויב מען איז נישט מקושר אפילו כחוט השערה. (גחלי אש שע"ג)

מ'דאַרף אַ גרויסע עבודה, מען זאָל ח"ו נישט נכשל ווערן אין התחברות לרשעים, ווייל דער בעל דבר פאַרבלענדט די אויגן. (שם)

ס'איז נישט דאָ קיין מציאות בעולם אַז די תורה זאָל האָבן אַ קיום נאָר אַז מען

# קונטרס הסברה



איז איינגאנצן אפגעשיידט פון די ערב רב, און מ'גייט נאר בדרכי אבותינו.

(גחלי אש שס"ג)

דער רבינו יונה זאגט א דבר פלא: אז יעדער וואס דרש'נט פאר אידן איז מחויב מודיע צו זיין אז רשעים האבן פיינט צדיקים און מ'זאל זיך נישט אפלערנען פון זיי.

(גחלי אש שס"ד)

ווען מען וואלט אריינגעברענגט די ערב רב אין ענן, וואלט עמלק נישט געקענט מלחמה האלטן מיט די אידן — אבער עס איז ענדערש צו ליידן פון מלחמת עמלק ווי אריינצוברענגען די רשעים צווישן אידן.

(גחלי אש שס"ז)

איך מיין אז מיינע תלמידים און אנ"ש וואס האבן געלערנט ביי מיר אין ביהמ"ד, איז נאך אנגעקניפט אין זייער הארץ דעם געוואלדיגן איסור זיך מתחבר צו זיין מיט פושעים.

(גחלי אש שע"ב)

אין די צייטן פון כת ש"ץ ימ"ש — אויב מען האט נאר איינעם חושד געווען אז ער האט א נטי' צו אים, אפילו נאר במחשבה, האט מען אים שוין דערווייטערט, מען האט אים נישט מצרף געווען צו מנין, מען האט גע'פסל'ט זיינע תפילין, און דורך דעם איז מען פטור געווארן פון די צרה — די היינטיגע ע"ז הציונית איז דאך טויזנט מאל ערגער.

(גחלי אש שע"ג)

ווער עס האט א חלק מיט די ציונים, אפילו נאר א קליינעם חלק כקוצו של יו"ד, דער איז מעכב די ישועה יעדע רגע, און מען דארף אנטלויפן פון אים כמטחוי קשת.

(גחלי אש שע"ט)

מיט דעם וואס מ'גיט חיזוק פאר די נביאי הבעל בדיבור אדער במעשה אדער אפילו נאר מיט א תנועה, דורך דעם האבן זיי א כח צו ווייזן אותות ומופתים.

(ויואל משה פ')

איך מוז זאגן דעם אמת, אז ווער עס טראכט נאר אפילו אזוי אז עס געשעט נסים פאר די אפיקורסים, דער איז נתפס למינות — און איך וויל נישט האבן קיין שייכות מיט אזא איד, און ווער עס טראכט נאר אזוי אפילו איין רגע, וויל איך נישט ער זאל זיך געפינען אין מיין ביהמ"ד, ווייל דאס איז דער מקור המינות —

# קונטרס הסברה



און איך בין מוסר מודעה אַז מ'טאָר נישט פון זיי קיין הנאה האָבן, און נאָר ווער עס לייקנט אין די תורה קען אַזוי זאָגן.
(גחלי אש שפ"א)

איך בעט אייך למען השם, אל נא אחי תרעו, איר זאָלט אייך נישט מתחבר זיין מיט די אגודה מיט קיין שום תנועה לא מיני' ולא מקצתי'.
(גחלי אש שפ"ב)

מ'טאָר נישט געבן קיין חיזוק פאַר די רשעים נישט בדיבור און נישט במעשה, און אפילו נישט במחשבה, ווייל מינות איז פוגם אפילו במחשבה.
(עה"ג קע"ד)

ווער עס גיט חיזוק פאַר די וואָס זענען גורם אַז דאָס ביהמ"ק זאָל נאָך נישט געבויט ווערן, דער וועט נישט האָבן קיין חלק בבנינה.
(גחלי אש שצ"ג)

# קונטרס הסברה

מיר וועלן מעתיק זיין נאך דיבורים פון
רבה"ק זי"ע וועגן דעם ענין

ווען איינער נעמט אַ חלק אין אַ זאַך וואָס איז מינות און כפירה און גילוי עריות, און ער נעמט פון זיי געלט אָדער כבוד, אפילו לשם שמים, דער איז גלייך ווי איינער וואָס טיילט זיך מיט'ן גנב און ער שטיצט דעם גנב. דער איז נאָך ערגער ווי דער גנב אַליין, אַזוי שטייט אַרויס אין דברי חז"ל, און מען דאַרף זיך היטן פון אַזאַ איינעם נאָך מער ווי די ווייטקייט פון אַ פיילן בויגן, עכלה"ק.
(חד"ת תשי"ז תמ"ו)

דער באַשעפער זאָל אונז אָפּהיטן פון זיי, ווייל מען דאַרף זיך דערווייטערן פון זיי און אַנטלויפן פון וועג פון מינים און אפיקורסים, און נישט נאָר פון זיי אַליין דאַרף מען זיך דערווייטערן, נאָר אפילו פון איינעם וואָס האָט אַ נייגונג צו זיי אפילו נאָר אַ משהו כחוט השערה, פון אַזאַ איינעם דאַרף מען אויך אַנטלויפן כמטחוי קשת.

(חד"ת תשי"ז רע"ו)

אפילו מען גיט נאָר אַ קליינעם חיזוק פאַר די וואָס זענען מחטיא אידן, אפילו מען העלפט זיי גאָרנישט נאָר מיט אַ וואָרט, וואָס דורך דעם באַקומען זיי חיזוק, און זיי קענען ווייטער אָנגיין מיט זייער פאַרפירן אידן, דאָס איז אַ מורא'דיגער פגם, עס איז ערגער ווי אַלעס — און מען דאַרף גרויס רחמי שמים אַז מען זאָל נישט געכאַפּט ווערן אין דעם אפילו אַ טראָפּעלע.
(גחלי אש ש"ע)

# קונטרס הסברה

## רוח הקודש פון צדיקי אמת אויף היינטיגע רבי'ס

**אַזוי ווי אויף די חתונה וועלן זיין אַ סך רבי'ס — וואָס זענען פון די סט"א, און זענען אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט צו פאַרפירן אידן און תמימות'דיגע מענטשן, איבערהויפּט פרויען און קינדער קענען ח"ו נתפעל ווערן פון זייער הדרת פנים, און פון זייער לבוש, וועגן דעם ווילן מיר איבערזעצן אויף אידיש די רייד פון הייליגע צדיקים, וואָס זיי האָבן דאָס שוין פאָראויסגעזען מיט זייער רוח הקודש, כדי מען זאָל זיין געוואָרנט נישט נתפעל צו ווערן ח"ו פון זיי.**

### א.

**דער** הייליגער קאָמאַרנער זי"ע ברענגט אין אוצה"ח פ' תצא: איינמאָל איז דער בעש"ט הק' געגאַנגען מיט זיינע תלמידים אין וואַלד דאַווענען מנחה, פּלוצלינג איז ער צוגעגאַנגען צו אַ בוים און האָט אָנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען, און זיך געקלאַפּט דעם קאָפּ אין בוים. די חסידים האָבן זיך זייער דערשראָקן, האָבן זיי אים געפרעגט וואָס דאָס באַדייט — האָט ער זיי געענטפערט **איך זע מיט רוח הקודש אַז פאַר ביאת המשיח וועלן זיין אַ סך רבי'ס, אַזוי פיל ווי די היישעריקן, און זיי וועלן מעכב זיין די גאולה,** עכלה"ק.

### ב.

**אין** ספר אור הנר (דף י"ב) ברענגט ער די זעלבע מעשה מער באריכות און אַביסל אַנדערש. אַז דער בעש"ט הק' האָט געזאָגט: **אַז פאַר ביאת המשיח וועלן זיין אַ סך רבי'ס בלאָפערס, און דער סימן צו וויסן צי ער איז אַ צדיק צי נישט, איז — אויב דו וועסט זען אַז ער איז נזהר פון שקר עד קצה האחרון, דעמאָלט איז ער אַ צדיק, אָבער טאָמער דו וועסט הערן פון אים אפילו נאָר איין ליגנט, איז אַ סימן אַז ער איז פון די סט"א, און למען השם זאָלסט דיך דערווייטערן פון אים, ווייל ער איז טמא און האָט נישט קיין חלק באלקי ישראל, אפילו ער וועט ווייזן אותות ומופתים זאָלסטו נישט צוהערן צו אים, און דער מענטש דאַרף מתפלל זיין צו השי"ת ער זאָל נישט פאַרברענגען די יאָרן ביי אַ רבי'ן אַ בלאָפער, ווייל ווער עס איז נישט אינגאַנצן אָפּגעהיטן פון שקר דער איז אַ רשע ר"ל,** עכ"ל.

# קונטרס הסברה



ג.

**רבינו** הקדוש זי"ע ברענגט אין על הגאולה ועל התמורה: אַז דער הייליגער ריזשענער זי"ע האָט געזאָגט: **איר זאָלט וויסן אַז אַזוי ווי עס איז אַראָפּגעקומען אַ פייער פאַר אליהו הנביא אויפ'ן הר הכרמל, און עס איז נישט אַראָפּגעקומען פאַר די נביאי הבעל — זאָלט איר וויסן אַז פאַר משיח וועט קומען, וועט זיין פאַרקערט, עס וועט אַראָפּקומען אַ פייער פון הימל פאַר די נביאי הבעל — און עס וועט זיין גרויסע און ביטערע נסיונות זיך צו דערהאַלטן ביי דער אמונה, און איך זאָג עס אייך וועגן דעם כדי איר זאָלט וויסן צו זיין געוואָרנט**, עכ"ל.

ד.

**דער** רבי זי"ע האָט נאָך דערציילט פונעם הייליגן ראָפּשיצער רב זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אַזוי: **איידער משיח וועט קומען וועט דער בעל דבר פאָרן אויף אַ וואָגן, און אַלע רבי'ס וועלן פאָרן מיט אים אויפ'ן וואָגן,** — האָט דער ראָפּשיצער רב געזאָגט פאַר זיינע קינדער — **איר וועט דאָך אויך זיין רבי'ס, בעט איך אייך איר זאָלט כאָטש נישט העלפן שטופן דעם וואָגן,** — אויף דעם האָט דער רבי זי"ע אויסגעלאָזט: **ליידער אַלע העלפן זיי שטופן** — עכ"ל.

ה.

**ס'איז** מקובל פון הייליגן ריזשענער זי"ע — אַז איידער משיח וועט קומען וועלן זיין די נסיונות פון אמונה אַזוי גרויס **אַז אויב מ'וועט וועלן רעדן פון אמונה וועט מען זיך דאַרפן אויסדרייען קוקן ווער עס זעט.**

ו.

**אין** ספר אמת ואמונה (ד' ו') ברענגט ער פון הייליגן קאָצקער זי"ע **אַז פאַר משיח וועט קומען וועלן דאַרפן אפילו ווייסע זשיפּעציס (רבי"ס) רחמים נישט אַריינצופאַלן אין מינות.**

ז.

**נאָך** ברענגט ער דאָרט פון הרה"ק מלעכאָוויטש זצ"ל: אַז דאָס וועט זיין די חבלי משיח **אַז עס וועט זיך ווידמען אין יעדן אַ צד מינות.**

## ח.

**רבינו** הקדוש זי"ע אין ויואל משה (מאמר א' סי' קמ"ח) ברענגט פון הייליגן דברי חיים, אז ער האט געשריבן אויף זיין דור: **אז רוב רבנים און חסידים און בעלי בתים פון דור זענען פון ערב רב** — שרייבט דער רבי זי"ע, אז א סך האבן זיך געוואונדערט אויף די דיבורים, — אבער אין אמת'ן שטייט דאס נאך פון אריה"ק, **אז ער האט געזאגט נאך אויף זיין דור: אז רוב דור איז פון ערב רב** — און דער רבי זי"ע לאזט אויס: **וואס זאל מען נאך זאגן אין אונזער נידריגן דור.**

## ט.

**אין** ספר אמרי קודש (דף ל"ג) ברענגט ער פון הרה"ק ר' אורי מסטרעליסק. זי"ע **אז פאר ביאת המשיח וועלן זיין רבי'ס רשעים גמורים** — ע"ש.

## י.

**אין** ספר ליקוטי עצות פון הייליגן ר' נחמן בראסלאווער זי"ע שרייבט ער: **ס'איז דא מנהיגים וואס זיי רופן זיך "רבי", און זיי קענען אפילו זיך אליין נישט פירן, כש"כ אנדערע, און פון דעסטוועגן זוכן זיי שררה צו פירן די וועלט. דארף יעדער נזהר זיין אז מ'זאל זיי נישט געבן קיין כח, ווייל זיי אליין זענען נישט אזוי שולדיג, זיי האבן א יצר הרע צו פירן די וועלט, נאר די וואס גיבן זיי דעם כח זיי זאלן זיין רבי'ס, די וועלן אפגעבן דין וחשבון.**

## יא.

**נאך** שטייט אין הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן (ח"ב דף י') **ס'איז דא מנהיגים וואס פירן זיך ברבנות און זיי האלטן זיך שטאלץ אויפ'ן דור בחינם, עס איז זיי נישט געגעבן געווארן קיין גדולה מן השמים, נאר פון זיך אליין זענען זיי זיך מתגאה — און זיי האבן אפילו א כח מעניש צו זיין ווער עס איז זיך נישט מכניע אונטער זייער ממשלה — אבער דאס הייסט נישט מעניש נאר מזיק, זיי זענען מזיקי עלמא,** ע"ש.

## יב.

**אין** ספר אשרי האיש ברענגט ער אז ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט: **איר זאלט**

# קונטרס הסברה



וויסן אַז פאַר ביאת המשיח וועט אַזוי נתרבה ווערן דער שקר אויף דער וועלט, אַז דער רב פון שטאָט וועט פאָרן מיט אַ פרעמד ווייב (דאָס מיינט מען מינות) און איין וואָגן, און מענטשן וועלן זאָגן אויף אים אין קדוש כמוהו.

## יג.

**דער** קאָמאַרנער צדיק זי"ע ברענגט (אין זוהר חי תכ"ו) פון ראָפשיצער רב אַז ער האָט געזאָגט: **פאַר ביאת המשיח וועלן זיין מנהיגים וואָס דער כלב דער ס"מ וועט רייטן אויף זיי, און מען וועט זיי נישט דערקענען, און מען וועט נישט קענען ניצל ווערן פון זיי נאָר ווער עס וועט לערנען תורה לשמה און וועט האָבן אמונה.**

## יד.

**אין** ספר זכרון יעקב יוסף (ע' צ') ברענגט ער פון הרה"ק מהרי"י מאָסטראָהא זצ"ל: **אַז פאַר ביאת המשיח וועט זיך פאַרשפרייטן אפיקורסות אפילו ביי רבנים — און ס'וועט זיך טרעפן אַ פשוט'ער מענטש וואָס וועט פאַרשטיין אַז דער רב איז אַן אפיקורס און וועט אים פאַרשעמען — וועט דער רב שרייען אויף אים — ביסט אַ חצוף — וועט ער ענטפערן אמת עס איז טאַקע אַ חוצפה צו פאַרשעמען אַ רב, אָבער דו ביסט דאָך אַן אפיקורס.**

## טו.

**דער** הייליגער קאָמאַרנער שרייבט אין זוהר חי (בראשית ק"א): **ס'איז פאַראַן איינער וואָס איז אַ בעל גאוה און מאַכט זיך פאַר אַן אָפגאָט, און ער וויל אַז יעדער זאָל זיין אונטער אים, ער זאָל זיין אַ רב, און אַ רבי, און אַ ראש וכו', און רעדט זיך איין אַז ער איז אַ גאון עולם און אַ רשכבה"ג, און דער גאַנצער דור איז אַ טפל פאַר אים, און דערווייל קען ער אפילו נישט קיין צורתא דשמעתא, ער איז מהפך דברי אלקים חיים, פסק'נט שלעכטע פסקים, און בויט זיך שולן שלא לשם ד' נאָר זיך צו מאַכן אַ נאָמען, דאָס איז אַ סימן טומאה וכו' עיי"ש.**

## טז.

**נאָך** שרייבט ער דאָרט (דף קי"ב) בשם הבש"ט **אַמאָל איז פאַראַן איינער וואָס**

**דער ס"מ איז זיך אין אים מתלבש, און מאַכט אים פאַר אַ רבי'ן און גדול הדור, דורך דעם איז די בחירה פריי.**

**יז.**

**נאָך** שרייבט ער דאָרט (תרומה ד' פ"ו) **ס'איז פאַראַן אַן ע"ז, וואָס דאָס איז גאוה, ער וויל געוועלטיגן, זיין אַ רב און אַ רבי נישט לשם שמים, און ער וויל הרג'ענען אַלע צדיקים דורך זיין רוב גאוה, אַז אַלע זאָלן זיין אונטערטעניג אונטער אים — דערווייל איז ער אַ בור ריק פון נחשים ועקרבים, און ווער עס בוקט זיך צו אים און איז זיך מכניע פאַר אים בוקט זיך צו דער ע"ז.**

**אַזוי** איז דאָ נאָך און נאָך אָן אַ שיעור מימרות און דיבורים פן אמת'דיגע צדיקים וואָס האָבן נביאות געזאָגט אויף היינטיגע מנהיגים, וועגן דעם דאַרף מען זייער נזהר זיין נישט נאָכגעשלעפט צו ווערן נאָך זיי.

**יח.**

**מיר** וועלן מסיים זיין מיט די הייליגע דיבורים פון הרה"ק ר' נחמן מבראַסלאָווער זי"ע, וואָס האָט נביאות געזאָגט אויפ'ן היינטיגן דור (אין שיחות הר"ן סימן ל"ה) וז"ל: **עס קומט אַראָפּ אַ גרויס אפיקורסות אויף די וועלט — וואויל וועט זיין ווער עס וועט זיך האַלטן ביי דער אמונה דעמאָלט** — כאָטש עס וועט נישט נוצן וואָס איך זאָג פאָראויס די זאַך, מ'זעט דניאל האָט אויך געזאָגט אַז עס וועט זיין אַ גרויסער בירור, און וויבאַלד מען האָט דאָס מודיע געווען, וואָלט זיך יעדער געדאַרפט באַרעכענען און זיך האַלטן פעסט ביי די אמונה, און עס זאָל נישט זיין קיין נסיונות — אָבער פון דעסטוועגן וועט דאָס נישט נוצן, עס וועט זיין אַ סך רשעים — **און וואויל וועט זיין פאַר דעם וואָס וועט עומד בנסיון זיין — ער וועט זוכה זיין צו דעם אַלעם גוטן וואָס עס וועט קומען לעתיד לבוא — איך בין דאָס מודיע פון פריער, כדי די ערליכע אידן זאָלן האָבן חיזוק, אַז זיי וועלן זען אַז מען האָט דאָס שוין פאָראויס געזאָגט** עכלה"ק.

# קונטרס הסברה